POLAND, WARSAW
FOLKS-SZTYME
NP 1479

JANUARY 5, 1980

THRU

DECEMBER 12, 1981

MICROFILMED 1982
LIBRARY OF CONGRESS
PHOTODUPLICATION SERVICE

Warsaw, Poland

FOŁKS=SZTɎME

1968-1981

NUMBERING ERRORS:

1969: no. 29 (3903) becomes no. 29 (3909) [consecutive numbering continues beginning with (3909)].

1975: no. 31 (4233) should be no. 40 (4233).

Warsaw, Poland

FOŁKS=SZɎTME

BECAUSE OF THE IMPOSITION OF MARTIAL LAW IN POLAND, ISSUES OF DECEMBER 19th AND 26th, 1981 WERE NOT PUBLISHED.

אינהאלט:

א. הירש — מאנעווערס און נאפט ★ א פוילישע צייטונג וועגן ביאליסטאקער געטא־אויפשטאנד ★ יידן אין דער וועלט ★ אברהם קוואטערקא — זיי האבן געקעמפט „פאר אייער און אונדזער פרייהייט" ★ א. קאפלאן — נפתלי באטווין — דער גרויסער העלד ★ י. ליפסקי — לעזונגען מיט פאליטישע מיטלען — און די אינטערעסן פון ישראל ★ שלום שטערן — דאס לירישע געזאנג פון אן איינגעארטיקן דיכטער ★ ארנאלד סלוצקי (אהרן קריינער) — לידער ★ משה אלטמאן — „מאטל אומרו"

„FOŁKS-SZTYME" (Głos Ludu)

Cena 3 zł

פאָלקס־שטימע

קולטור־געזעלשאפטלעכע און ליטערארישע־קינסטלערישע וואכנשריפט

ארגאן פון קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די יידן אין פוילן

נומער 36 (4542), 5 סעפטעמבער 1981 יאר

Warszawa, 5 września 1981 r.

נאכן פלענום פון צ.ק. פזפר

די פארטיי און דער ארבעטער־קלאס

די ערשטע נאכן אויסערארדנטלעכן צוזאמענפאר זיצונג פון נייעם, אויסגעוויילטן לויט אלע כללים פון דעמאקראטיזם צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי איז פארגעקומען אין אזא פאליטיש־געשפאנטער לאגע און גלייכצייטיק ביי דער קאנצענטרירונג פון אזויפיל עקזיסטענצשווערקייטן, פראדוקציאנעלע און סאציאלע, וועלכע מען האט זיך מיט עטלעכע חדשים צוריק — אפילו וואכן צוריק, נישט געקאנט פארשטעלן.

עס וועט נאך מסתמא קומען א בעסערע צייט, כדי אויפקלערן ביזן סוף און מיט דער גאנצער, אבסאלוטער אפנקייט צי און פארוואס עס האט געמוזט טאקע אזוי זיך אנהויבן דער פארגעשטעלטער דורכן באגייערישן פארטיי־צוזאמענפאר וועג פארן ארויסגיין דורכן לאנד פונעם קריזיס צו עפעס — ווי עס האט זיך דער מערהייט פון אונדז אויסגעדאכט — זייער א גרויסער שטרעבונג צו סאציאליזם פון אמתער געזעלשאפטלעכער גערעכטיקייט און דעמאקראטיע. דער איצטיקער פלענום האט אבער נישט געקאנט און נישט קאנצענטרירט די אויפמערקזאמקייט פון דער פארטיי צום אויספארשן די קוואלן פון דער געשאפענער אין אנהויב אויגוסט לאגע, מחמת אויף דער טאג־אָרדענונג איז געשטעלט געווארן מיט דער גאנצער דראמאטישער שארפקייט דאס פראבלעם פון געפינען תיכּפדיקע לעזונגען, וואס זאלן ביכולת זיך צופארהיטן דאס לאנד פון א קאטאסטראפע. דער I סעקרעטאר פון צק האט אויסגעדריקט דעם ענין מיט עטלעכע ווערטער. „מיר האבן צוטאן — האט ער געזאגט — ווי מיר געדענקען — מיט א קוואליטאטיוו נייער לאגע, מיט א דערשיטערונג, וועלכע האט נישט קיין שום גלייכן אין משך פונעם גאנצן יאר, וואס טיילט אונדז אפּ פון די פארשטענדיקונגען אין שטשעטשין, גדאנסק און יאסטשעמביע". די דאזיקע פעסטשטעלונג איז נגע געווען דער כוואליע מאניפעסטאציעס, אין רעזולטאט פון וואס „די פוילישע גאס האט אויפגעהערט צו זיין א רואיקע". דער גאנצער זין פון דער דאזיקער פעסטשטעלונג שטעקט אבער אין דער מעטאפארע און אזוי דארף מען אפלייענען דעם רוף בעת די באראטונגען פון סטאניסלאוו קאניא, געווענדעט צום צענטראל־קאמיטעט, צו דער גאנצער פארטיי, צו אלע מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו ארבעטן לטובת דעם לאנד. אזוי דארף מען פארשטיין די ווערטער: „מיר מוזן געפינען אן אופן, אז די פוילישע גאס זאל זיין רואיק, ווען נישט קאן די לאגיק פון דער אנטוויקלונג פון דער לאגע דערפירן צו דער גרעסטער פאלקס־טראגעדיע".

די דיסקוסיע צווישן די מיטגלידער פון דער העכסטער מאכט אין דער פארטיי האט אויפגענומען דעם דאזיקן רוף מיטן געפיל פון גרויס פאראנטווארטלעכקייט און האט געענטפערט אויף אים מיט אבסאלוטער איינשטימיקייט.

ערשטנס — האט דער פלענום באשלאסן — מוז די פארטיי צוקומען צו יעדן ארבעטסמענטש מיט דער גאנצער ארנטלעכער און נישט פאראיינפאכנדיקער ארגומענטירונג, כדי איבערצייגן דעם ארבעטער־קלאס, אז אין דעם צוריקקערן די רו אין לאנד, די קלארקייט פון רעאגירן און באטראכטקייט אין די האנדלונגען, וואס זיך נישט איינגעבן צו דערגרייכן גארנישט פון די שטרעבונגען און דערוואַרטונגען, וואס זענען פארבונדן מיטן באנייונגס־פראגראם, אז יעדערער, וועלכער שרייט אויס עפעס קעגן, שטויסט די פארביטערטע געזעלשאפטלעכקייט צוליב דער פיין פונעם קריזיס אויפן וועג פון וואנזין. צי איז דאס א רעאלע אויפגאבע, וואס לאזט זיך אויספירן אין באדינגונגען פונעם מאסנהאפטן אנגריף פון דעמאגאגן, וועלכע זוכן אין די מענטשלעכע ליידן אן אויפן צו באפרידיקן זייערע שטרעבונגען, איבערצונעמען די מאכט? פאר יעדן איינעם, וועלכער גלויבט אינגעראמתן אין דער קלוגשאפט פון פוילישן ארבעטער־קלאס, זיין אכטונג פארן שאפן און עקל פארן חרוב מאכן — יא. פאר אלע, וועלכע האבן פארשטאנען ווי טיף די פארטיי האט זיך געענדערט און וויפל זי האט אדאנק עם אנגעזאמלט נייע כוחות — יא.

צווייטנס דערפון — דעם באפעל פונעם פלענום, וואס איז געווענדעט טאקע צו אלע פארטיי־מיטגלידער און רופט זיך אבסאלוט צו האלטן און תיכּף אריינפירן אין לעבן די ליניע פון IX אויסערארדנטלעכן צוזאמענפאר, וואס פירט צו דער סאציאליסטישער באנייונג מיטן וועג פון פארשטענדיקונג. ביים היינטיקן טאג איז עס דער פראגראם פון דער קאמפלעקסארטיקער ווירטשאפטלעכער רעפארם, קאנסעקווענטער דעמאקראטיזירונג פון לעבן און דער רעקאנסטרוקציע אויף אירע יסודות פון דער גאנצער פאלקס־מלוכה מיט איר צענטראלער אנפירונג איינשליסנדיק — א פראגראם, וועלכער איז די עיקרדיקע דערגרייכונג פון צוזאמענפאר.

די פארטיי וועט קיינמאל נישט קאנען אנפירן מיטן פאלק און די רעגירונג מיט דער מלוכה, אן דער געזעלשאפטלעכער אונטערשטיצונג און צוטרוי פונעם ארבעטער־קלאס פאר דער געמיינזאמער פארשטענדיקונג — די דאזיקע פאליטישע פילאזאפיע איז געקומען צום אויסדרוק אין די ווייטערדיקע ארויסזאגן פון די דיסקוטאנטן, נישט געקוקט אויף די לעצטע אקטן פון ארונטעררייסן די דאזיקע ליניע, און דאס אפטמאל מיט די צומערסטן ברוטאלע מעטאדן — האט זי קיינער נישט פארלוירן פון אויג.

און לסוף — דריטנס — פאר דער סאציאליסטישער באנייונג, האט פעסטגעשטעלט דער פלענום, דארף געפירט ווערן — אויב מען האט אונדז אים שוין יא אנגעזאגט, אן אנטשלאסענער, הארטנעקיקער פאליטישער קאמף מיט אלע אירע קעגנער, מחמת אין תוך איז דאס א קאמף פארן ארדענונגס־סיסטעם פון אונדזער מלוכה, פארן סאציאליזם. „זאל זיך קיינער נישט איינרעדן, האט געזאגט קזשימיעזש בארטשיקאווסקי, אז ער האט אוועלכע שאנסן צו גרייכן נאך דער מאכט". דער ארבעטער־קלאס און זיין ווילן צו רעאליזירן די ליניע פון פארשטענדיקונגען — האט צוגעגעבן א צווייטער רעדנער — קאנען נישט און וועלן נישט דינען אלס שוצוואנט פאר מענטשן, וועלכע פירן מיט אומגעהויערער אגרעסיווקייט און ביז די קלענסטע פרטים דורכגעטראכטן פלאן — א טעטיקייט, וואס איז פיינטלעך צום סאציאליזם.

אין דער ענדגילטיקער אויספיר פון דעם הויפט־שטראם אין דער דיסקוסיע איז אזא: מיר גלויבן — האבן דעקלארירט די מערהייט רעדנער — אז „סאלידארנאשטש" וועט ווערן טאקע אן ארבעטער־ארגאניזאציע, אז עס וועט אין איר נעמען די אויבערהאנט דער געזונטער פארשטאנד און די פאראנטווארטלעכקייט, אז זי וועט פארנעמען א קאנסטרוקטיוו ארט אין אונדזער געזעלשאפטלעכן סיסטעם, אז די ליניע פון געזעלשאפטלעכער פארשטענדיקונג וועט מבצע זיין אין הסכם מיטן פרינציפּ ארנטלעך צו אויספירן די ארויסדרינגענדיקע פון איר התחייבותן דורך אלע צדדים, אלס איינציקער וועג צום אויספורעמען א ברייטן פראנט פון אלע קאנסטרוקטיווע כוחות אין פאלק.

(אינטערפרעס)

רעאליזירונג פון די געזעלשאפטלעכע פארשטענדיקונגען

דאס געזעץ וועגן די גרענעצן פאר דער פרייהייט פון ווארט

(א שמועס מיטן דעפוטאט און זשורנאליסט יאנוש סטעפאנאוויטש)

פון 1־טן אקטאבער גייט אריין אין לעבן דאס אנגענומענע דורכן סיים געזעץ וועגן דער קאנטראל פון די פובליקאציעס און פארשטעלונגען. וואס גיט עס דער זשורנאליסטן־סביבה, וועלכע איר פארעזענטירט?

— עס גיט גאר א סך. איך וואלט באזונדערס אונטערגעשטראכן 3 ענינים. ערשטנס — די קלארקייט פון די צענזור־קריטעריעס. צווייטנס — די גענוי באצייכנטע טערמינען פון אננעמען א באשלוס. ווי א לאנגיאריקער הויפט־רעדאקטאר ווייס איך, וואס פארא פלאג עס איז געווען דער א"ג ווייכער דרוק: דאס אפשלעפן דעם צענזאר־באשלוס, דאס סוגערירן, אונטערזאגן, דאס אפציען. 95 פראצענט באשלוסן פון דער צענזור זענען איינערגעץ נישט געווען דאקומענטירט, מען האט די דאזיקע פראגן דערלידיקט טעלעפאניש. איצט וועט מוזן אנגעגעבן ווערן די רעכטלעכע מאטיווירונג פאר יעדן באשלוס פון אמט, און עס וועט גילטן דאס רעכט זיך אפצורופן ,צום אדמיניסטראטיוון געריכט. איך מיין איבעריקנס, אז אזעלכע פאלן וועלן אין דער פראקטיק זיין נישט קיין סך. דאס איז אבער א גוטע סאציאלאגיש־פסיכאלאגישע לאגע פאר ביידע צדדים, דעם צענזורירטן און צענזורירנדיקן.

דריטנס — די קלארע פרעציזירונג פון דער צאל אבסאלוטע עלימינירונגען (ד"ה באגרענעצונגען פונעם פרייען ווארט). דאס גאנצע געזעלשאפטלעכע לעבן ווערט אזוי צו זאגן עפנטלעך. דאס וועט אויך גורם זיין דעם דרוק אויפן באגרענעצן די צענזור אויך אויף אנדערע געביטן פון עפנטלעכן לעבן. אין פריערדיקן פעריאד האט מען למשל פראקטיצירט די צענזורירונג פון ארויסטרעטונגען פון דעפוטאטן און ראטמענער.

פאר דער מלחמה האט דער מאטעריאל, וועלכער איז קאנפיסקירט געווארן אין דער פרעסע געקאנט זיך אהין אומקערן אלס סיים־ארויסטרעטונג. דאס איז, פארשטייט זיך, בלויז אן אנעקדאט, וואס ווייזט אבער, אז דאס נייע געזעץ דארף שאפן אן אלגעמיינע אטמאספער, וואס זאל זיך גינסטיק פאר דער פרייהייט פון ווארט. דעריבער מיין איך, אז מיט דער צייט וועט די צענזור אפשטארבן.

אין אומקערנדיק זיך צו אייער פראגע — דאס לעבן פון די זשורנאליסטן וועט זיין לייכטער, אבער דעם גרעסטן רווח פון געזעץ וועט האבן די געזעלשאפטלעכקייט. די זשורנאליסטן זענען בלויז פארמיטלער און די ווארטזאגער פון אירע אינטערעסן. אויב די געזעלשאפטלעכקייט וועט איצט (ד"ה פון 1־טן סעפטעמבער) נישט זיין בעסער אינפארמירט, וועט עס זיין די שולד נישט פון די דעציזיע־צענטערס, נאר פון די זשורנאליסטן גופא.

— אין אייער סיים־ארויסטרעטונג האט איר געזאגט, אז דאס געזעץ וועגן דער צענזור האבן מיר נישט צו פארדאנקען נישט די דעפוטאטן, נישט די זשורנאליסטן און אויך נישט די פאליטישע טוער.

— דער אימפולס, מיט אן אנטשפרעכנדיקער קראפט פון דורכברעכן, זיך איז מיט א יאר צוריק געקומען פונעם ארבעטער־קלאס. אין פארם פון א געזעץ האבן אים דאקעגן פארהאנדלט די סביבות, וועלכע זענען באזונדערס פאראינטערעסירט מיט דער געזעצלעכע רעגולירונג פון די פראבלעמען פון קאנטראל איבער די פובליקאציעס און פארשטעלונגען, און די, וועמענס אויפגאבע עס איז איינצושטעלן דאס געזעץ.

דאס איז איבעריקנס — וואלט איך געזאגט — א ביישפיל־וועג; דער אריינפיר־אימפולס, ווייטער דער רעגירונגס־פראיעקט, דער געזעלשאפטלעכער פראיעקט, ענדלעך דער סיים, אלס ארביטער, באלעבאס פון ביידע צדדים. דער סיים — ווי די קערפערשאפט, וואס איז אויסגעוויילט געווארן דורכן פאלק און פארשטייט זיינע קאמפעטענצן.

— אלזא, וואס פארא אויספיר איז פון דאזיקן ארביטראזש?

— די רעגירונג איז אפגעטראטן אין 80 פראצענט און דער לינקער פליגל פון „סאלידארנאשטש" אין 20 פראצענט. קלאר, אז דא רעדט זיך פון שטרייט־פראבלעמען. ביידע פראיעקטן האבן געהאט א גרויסן, געמיינזאמען שטאנג, וועלכער האט נישט ארויסגערופן קיין קאנטראווערסיעס.

— צי האבן טאקע די שטרייט־פונקטן גורם געווען די אזוי באדייטנדיקע פארשפעטיקונג פון געזעץ, וואס איז פארויסגעזען געווארן דורך דער גדאנסקער פארשטענדיקונג נאך פאראיארן, צי עס האבן דא אויך געווירקט עפעס אנדערע, נישט קיין מעריטארישע סיבות?

— דאס זוכן א קאמפראמיס האט אונדז איבעראמתן פארנומען א סך צייט. אבער איצט האבן מיר אן אפטימאל געזעץ.

— איר האט אבער קעגן דעם ארויסגערוקט א סך פארווורפן.

— זיי זענען גיכער נגע פראגן צווייט־ און דריטראנגיקע, טעכנישע פראבלעמען. איך בין אבער נישט ארויסגעטראטן קעגן דעם געזעץ אלס גאנצקייט. איך האב מורא געהאט צו געבן א פרעטעקסט די עקסטרעמאלע עלעמענטן צום פארהאלטן עס. און אזוי וועלן מיר האבן א גוט, הגם נישט קיין גאר שלימותדיקן געזעץ מכוח דער קאנטראל פון די פובליקאציעס און שוישפילן.

(המשך אויף זייט 2)



דאלארעס איבארורי די העלדין פון שפאנישן בירגערקריג.

זיי האבן געקעמפט „פאר אייער און אונדזער פרייהייט"

אברהם קוואטערקא

דאס שאפן מיט 45 יאר צוריק די אינטערנאציאנאלע בריגאדעס אין שפאניע איז געווען א וויכטיקער עטאפ אין דער געשיכטע פון קאמף קעגן אנגרייפערישן פאשיזם, וועלכער האט זיך פארמאסטן צו באהערשן די וועלט. שפאניע האט געזאלט זיין די „גענעראל־פראבע" פון דער 2־טער וועלט־מלחמה.

ווי אן ענטפער אויף דער מיליטערישער הילף פון היטלער־דייטשלאנד און מוסאליני־איטאליע לטובת די פראנקא־באנדעס, וואס האבן אויפגעהויבן א פארשווערונג קעגן דער לעגאלער פאלקס־מאכט, האבן זיך געשטעלט צו דער פארטיידיקונג פון דער שפאנישער רעפובליק די דעמאקראטישע כוחות פון דער וועלט. עס האבן געאײלט מיט הילף פרייוויליקע קעמפער פון 54 נאציאנאליטעטן פון פינף קאנטינענטן, וועלכע האבן געשאפן אינטערנאציאנאלע בריגאדעס, בכדי מיט געווער אין האנט צו שטעלן א ווידערשטאנד דער אפענסיווע פון פאשיזם.

אין די רייען פון די אינטערנאציאנאלע בריגאדעס האבן געקעמפט העכער 35 טויזנט פרייוויליקע־קאמוניסטן, סאציאליסטן, דעמאקראטן, אומפארטייאישע מענטשן פון פארשידענע נאציאנאליטעטן, ראסן און גלויבן. עס זענען געווען צווישן זיי ארבעטער, פויערים, אינטעלעקטואליסטן, אינזשעניערן, דאקטוירים, אינפאנטעריע־זעלנער, מאטראסן, לופט־פליער, וועלכע האבן גערעדט אויף פארשידענע שפראכן, אבער האבן געפונען איין געמיינזאמע שפראך — שלאגן דעם פאשיסטישן שונא, פארטיידיקן די פרייהייט און אומאפהענגיקייט פון שפאנישן פאלק.

צווישן די גרויסע פערזענלעכקייטן, פאליטיש־טוער, שרייבער, מיליטער־לייט האבן זיך צו״אנד. דעמלט געפונען אין שפאניע ראדיאן מאלינאווסקי, לואידזשי לאנגא, אנדרע מאלרא, קאצא פאפאוויטש, פראנץ דאלעם, ערנעסט העמינגוועי, ראלף פאקס, קאראל שווערטשעווסקי, קסאווערי פרושינסקי, לוקאש, פעטרא נעני, אנדרע מארטי, יוליוש דייטש, האנסביימלער, לודוויק רען און פיל, פיל אנד.

אין אנהויב יאנואר 1936 איז אנגעקומען קיין שפאניע די ערשטע גרופע פאליאקן, וועלכע נעמט אנטייל אין דער העלדישער פארטיידיקונג פון דעם באסקישן שטעטל אירון.

א געדענקפולע דאטע פאר די פרייוויליקע פוילישע קעמפער איז געווען דער 24־טער אקטאבער 1936, ווען עס ווערט געשאפן דער באטאליאן א.ג. פון יארסלאוו דאמבראווסקי, וועלכער ווערט אין יוני 1937 פארוואנדלט אין דער באריהמטער XIII בריגאדע. דער ערשטער קאמאנדיר פון דאמבראווסקי־באטאליאן איז געווען באלעסלאוו אולאנאווסקי און פאליטישער קאמיסאר סטאניסלאוו מאטושטשאק. די פוילישע פרייוויליקע באטייליקן זיך אין די שווערסטע שלאכטן מיט די פאשיסטן, ארויסווייזנדיק גרויס קאמפס־ווונדער. זיי צייכענען זיך אויס ביים אויפהאלטן די פאשיסטישע אפענסיווע אויף דער שפאנישער הויפטשטאט מאדריד. די לאגע פון מאדריד איז געווען זייער א קריטישע. דאס פראנקא־מיליטער געשטיצט דורך איטאליענישע טאנקען און דייטשישע עראפלאנען אין מאנקען האט דערגרייכט דירעקט ביז איר פארשטאט. פראנקא האט געמאלדן דורכן ראדיא, אז אין טאג פון 7 נאוועמבער, אין טאג פון דער אקטאבער־רעוואלוציע, וועט ער באהערשן די הויפטשטאט. אבער די פארויסזאגונג, איז נישט מקוים געווארן... דאס פאלק פון מאדריד האט געקעמפט פאר יעדן הויז, פאר יעדער גאס. די אינטערנאציאנאלע בריגאדעס, צווישן זיי דער פוילישער באטאליאן, האבן זיך דעמלט באדעקט מיט רום.

פיר חדשים האבן געדויערט די קאמפן מיט די איבערוועגנדיקע כוחות פון שונא. דער דאמבראווסקי־באטאליאן האט געליטן גרויסע פארלוסטן. אין די ערשטע טעג פון יאנואר 1937 איז דא געפאלן דער קאמאנדיר פון באטאליאן.

די פוילישע פרייוויליקע האבן זיך אומברחמנותדיק געשלאגן אויף אלע פראנטן. ביי גוואדאלאכארא און יאראמא, ביי קארדאבא און לערודא און אין פיל אנדערע שלאכטן.

צווישן די 5 טויזנט פוילישע פרייוויליקע, האבן זיך געפונען א גרויס צאל יידן, זיי זענען געקומען פון די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, און פון דער עמיגראציע, באזונדערס פון בעלגיע און פראנקרייך, פון לאנדאן און ארגענטינע, פון אורוגוואי און פאלעסטינע. די בעסטע זין פון יידישן פאלק זענען געקומען אויף יענער זייט פירענעען, בכדי העלפן דערלאנגען א טויט־קלאפ דעם פאשיזם.

שוין אין 19־טן יוני 1936 זענען אוועק אויפן פראנט די יידישע ארבעטער עמנואל מינק, שאיע ווינקלער און יוסף קראנסנאוויעצקי, וועלכע האבן געוויילט אין בארצעלאנע אויף דער ארבעטער־אלימפיאדע. זיי האבן זיך געשלאגן אין די רייען פון דער א.ג. „סענטורע" א.ג. פון ערנסט טעלמאן

אויפן גוואדאלאכארער פראנט איז געפאלן אין די ערשטע טעג, יאנואר 1937 יאר דער קאמאנדיר פון דאמבראווסקי־באטאליאן, דער פוילישער פאליטישער עמיגראנט פון פראנקרייך — אנטעק קאכאנעק. פיל אנדערע פוילישע קעמפער זענען געפאלן אויף די צאלרייכע פראנטן: מארצעלי קאסטעצקי (יוזעף קאלאוש), סאלאמאן יאשונסקי, אנגעזעענער טוער פון קפפ, יאן טקאטשאוו, פויערים־טוער פון זשעשאווער געגנט, בערנארד פריידקעס, פאפולערער טוער פון די יידישע פראפעסיאנעלע פאריינען אין ווארשע, מיעטשיסלאוו דיבא (דאנאנסקי), דאקטער, באוווסטער קאמוניסטישער טוער אין פראנקרייך, סטעפאן קאלאווסקי, טוער ביי די

(המשך אויף זייט 4)

מאנעווערס און נאפט

א. הירש

צוויי געשעענישן זענען פארגעקומען גלייכצייטיק. מיר האבן זיי געזען אויף די טעלעוויזיע־עקראנען. אייבנאויפיק האבן זיי נישט געהאט צווישן זיך קיין שום געמיינזאמעס. אין שווייצאריע, אין גענף זענען די צעשמייכלטע הערן מיט אידעלע פנימער געזעסן ביים טיש אין א געביידע, וואס איז אפגעהיט געווארן מיט גאנצע אפטיילן פאליציי אין געהיים־אגענטן און באלאגערט געווארן דורך זשורנאליסטן און פאטא־רעפארטערן. דאס איז געווען אן אויסערארדנטלעכע זיצונג פון די פראדוצענטן פון נאפט־ראפע, פאראייניקט אין א גרויסן ארטעל אפעק.

אין דער זעלבער צייט זענען אויפן מיטלענדישן ים, אין ראיאן פון גרויסן סירט־איינגוס, וואס געהערט צו ליביע, פארגעקומען די גרויסע אנגעזאגטע דורכן פרעזידענט רעגאן, קריגס־מאנעווערס פון VI אמעריקאנער פלאט. אין גאנג פון די מאנעווערס איז דערגאנגען צו א מיליטערישן אינצידענט: צוויי אמעריקאנער יעגער־אעראפלאנען האבן אראפגעשאסן צוויי ליבישע אעראפלאנען. דאס האט ארויסגערופן א גרויסע אויפרודערונג אויף דער וועלט, און קודם־כל אין ליביע גופא און אויך אין דער אראבישער וועלט.

וואספארא שייכות האט די נאפט־קאנפערענץ מיט די שיסעריען אין דעם סירט־איינגוס? אלזא א שייכות איז פאראן און, לויט מיר, נישט קיין צופעליקע.

לאמיר אנהייבן פון די סאמע דראמאטישע געשעענישן. אין דער סעריע מאנעווערס אויף די פארשידענע ימען און אקעאנען זענען אויך באשטימט געווארן מאנעווערס פון VI פלאט, וואס סטאציאנירט אויפן מיטלענדישן ים. די באזע פון דאזיקן פלאט געפינט זיך הויפטזעכלעך אין גריכנלאנד, אין פירעוס, ווי אויך אין די איטאליענישע און שפאנישע פארטן. אין דער פארגאנגענהייט איז דער פלאט באנוצט געווארן צום אינטערווענירן אויפן נאענטן מזרח, ווי צ.ב. אין 1957 יאר אין ליבאן. נאך אין 1973 יאר האט ליביע, אויסברייטערנדיק לויטן ביישפיל פון אנדערע מלוכות, אירע טעריטאריאלע וואסערן ביז א ברייטקייט פון 200 מייל, אנערקענט דעם סירט־איינגוס אלס אירע אינערלעכע וואסערן. די פאראייניקטע שטאטן האבן, אבער, נישט אנערקענט די דאזיקע דעקלאראציע, האלטנדיק דאס איינגוס־וואסער אלס אינטערנאציאנאלע.

דאס אויסברייטערן די טעריטאריאלע וואסערן, ווי דעם מיטלענדישן, וואלט געשאפן גרויסע אינטערנאציאנאלע קאמפליקאציעס.

דעם אנזאג וועגן דורכפירן די אמעריקאנער מאנעווערס טאקע אין דעם איינגוס און דאס נאך פיל חדשים שפאנונגען צווישן טריפאליס און וואשינגטאן, האט מען אויפגענומען אין ליביע מיט אויפרעגונג. ביידע לענדער האלטן איצט נישט אן קיין דיפלאמאטישע באציונגען. די מיליטערישע אקציע, דורכגעפירט דורך ליביע אין טשאד, איז אויפגענומען געווארן דורך די מערב־לענדער און באזונדערס דורך אמעריקע מיט קעגנערשאפט. די פאראייניקטע שטאטן האבן מאנטירט אין אפריקע גופא צווישן די אראבישע מלוכות אן אנטי־ליבישע קאאליציע. צו דעם פראנט זענען צוגעטראטן חוץ עגיפטן אויך סודאן און טונעזיע. דער אנזאג פון די אמעריקאנער מאנעווערס נאענט פונעם ליבישן ברעג, האט קאדאפי געהאלטן אלס אן ארויסרוף.

דער פארלויף פון די געשעענישן ווערט געגעבן אין פארשידענע ווערסיעס. די פאראייניקטע שטאטן האלטן, אז די ליבישע יעגער־אעראפלאנען, וועלכע זענען געקומען צופליען אין ראיאן פון די אמעריקאנער מאנעווערס, האבן געעפנט א פייער צו די אמעריקאנער אעראפלאנען און געווארן תיכף אראפגעשאסן. ליביע לייגנט אפ, אז אירע אעראפלאנען האבן די ערשטע געשאסן, און דערקלערט, אז זי האט אראפגעשאסן אין אמעריקאנער יעגער־אעראפלאן, וואס ווערט אבער נישט באשטעטיקט. עס איז, אבער, נישט קיין ספק, אז דאס באווייזן זיך פון ליבישע אעראפלאנען אין ראיאן פון די אנגעזאגטע מאנעווערס איז געווען א פארם פון פראטעסט קעגן זייער דורכפירונג אינעם איינגוס.

דער פרעזידענט רעגאן האט בעת די מאנעווערס פונעם אמעריקאנער פלאט ביי די ברעגעס פון קאליפארניע ארומגערעדט דעם דאזיקן אינצידענט אין זיין רעדע, וואס ער האט געהאלטן אויפן דעק פון דער ריזיקער שיף „קאנסטעליישאן". ער האט דערקלערט, אז דער סירט־איינגוס דאס איז א טעריטאריעל וואסער. ער האט דערביי געווארנט, אז יעדער דארף ארויסציען א מסכנה פון דאזיקן אינצידענט, ווייל עס לוינט נישט צו שיסן צו אונדז". און „מיר וועלן ענטפערן אזוי ווי מיר האבן געענטפערט איצט. אויב אונדזערע כוחות וועלן ווערן אטאקירט, וועלן זיי זיכער זיך פארטיידיקן". וואשינגטאן האט נישט אין דער פראגע קיין שום פלענער און האלט זי פאר א פארענדיקטע. די אמעריקאנער פרעסע קריטיקירט, וואס אן אמת, אז דער פרעזידענט האט זיך דערוווסט וועגן אראפשיסן די ליבישע אעראפלאנען ערשט מיט 5 שעה שפעטער, אבער אין אלגעמיין זענען זיי מסכים מיט דער אפיציעלער ווערסיע וועגן דעם ענין.

דער ליבישער פירער קאדאפי האלט נישט דעם ענין פאר פארענדיקט. עס איז אפגעווארפן געווארן דער אמעריקאנער פראטעסט וועגן אטאק אויף די אמעריקאנער יעגער־אעראפלאנען אויף די טעריטאריעלע וואסערן. אויפן דאזיקן פראטעסט איז געקומען א פראטעסט צום זיכערהייטס־ראט. אבער, אינטערעסאנט, אז קיין שום צד פארלאנגט נישט צונויפרופן דעם ראט און ארומצורעדן דעם סיכסוך אויפן אינטערנאציאנאלן פארום. קאדאפי האט פארגעווארפן, אז רעגאן וויל פארוואנדלען דעם נאענטן מזרח אין א אמעריקאניש־ישראלדיקער קאלאניע. און צוגעגעבן „מיר וועלן אנווענדן ראפע אלס געווער קעגן דער אמעריקאנער פאליטיק, וואס צילט צום פארניכטן די ליבישע רעוואלוציע".

אט אין דעם זייער שטארקן נעווראלגישן פונקט קומט פאר א קרייצונג פון ביידע געשעענישן — דעם באוואפנטן אינצידענט אין סירט־איינגוס און די קאנפערענץ פון די נאפט־מלוכות אפעק. אויפן רוף פון קאדאפי האבן באזונדערע אראבישע לענדער געענטפערט מיט א ווערבאלער אינטערשטיצונג פון ליבישן פראטעסט. עגיפטן האט אויף יעדן פאל קאנצענטרירט דאס מיליטער אויף דער ליבישער גרענעץ און עס געשטעלט אויף קאמפס־גרייטקייט. אבער צי עקזיסטירט א שאנס צו באנוצן דאס א.ג. נאפט־געווער, וואס האט נאך דער יום־כיפור מלחמה אין 1973 יאר געמאכט אזא טומל. אן ענטפער דארף מען זוכן אין גענף.

קודם־כל דארף מען פעסטשטעלן, אז נאך די יארן פון ברענשטאף־קריזיס איז דערגאנגען צום פאלן פון די באדערפענישן אויף נאפט־ראפע. דאס איז הויפטזעכלעך ארויסגערופן מיטן הויכן צושטאנד פון די זאפאסן, וואס עס האבן געמאכט די הויך־אינדוסטריעלע לענדער. עס איז אויך געוואקסן דער ארויסבאקום פון נאפט־ראפע מחוץ די לענדער פון אפעק, אויפן צפון־ים, אין אלאסקא, אין מעקסיקע. אין פארגאנגענעם יאר איז דער ארויסבאקום פון נאפט־ראפע אין די לענדער פון אפעק געפאלן כמעט אויף א דריטל — אין א גרויסער מאס אין רעזולטאט פון דער איראקיש־איראנישער מלחמה. איצט באקומט ארויס א העלפט ראפע פון די לענדער פון אפעק — סאוד־אראביע, וועלכע ארבעט ענג מיט אין דער נאפט־פאליטיק מיט קוועיט און מיט די פאראייניקטע עמיראטן. אויף דער גענפער קאנפערענץ פון אפעק האט טאקע סאוד־אראביע פארגעשלאגן איינצושטעלן געמיינזאמע פרייזן פאר די לענדער פון אפעק אין דער הויך פון 34 דאלאר פאר א פעסל. דאס הייסט מיט 2 דאלאר העכער ווי דער איצט איינגעשטעלטער פרייז דורך סאוד־אראביע, אבער קלענער פונעם פרייז, וואס עס באקומען ליביע, אלזשיר, ווי אויך ניגעריע אדער ווענעזועלע. סאוד־אראביע הארעט, אז דאס צו גרויסע פארסירן די פרייזן וועט פארשנעלערן די ארבעטן איבער אנדערע ענערגיע־קוואלן, די זוכונגען פון אנדערע ראפע־קוואלן. שוין איצט איז נישטא קיין גוטע קאניונקטור אויף ראפע. אבער די מלוכות אזוי שטארק באפעלקערטע, ווי ניגעריע, וואס האבן אזעלכע ווירטשאפטלעכע קלאפאטן, ווי אלזשיר, אדער אזעלכע באוואפנונגען און פאליטישע אמביציעס, ווי ליביע, ווילן שנעל אויספרעסן, וואס מער, נישט טראכטנדיק וועגן דער צוקונפט.

מען האט דערווייל נישט דערגרייכט קיין פולע פארשטענדיקונג. סאוד־אראביע איז מסכים געווען טיילווייז צו באגרענעצן דעם ארויסבאקום אויף 10 פראצענט אדער אויף א מיליאן פעסלעך יערלעך. אלץ ווייזט אבער דערויף, אז די נאפט־מלוכות אפעק וועלן זיך געצוווּנגען אנצונעמען א מעסיקן פרייז אויף דער דעצעמבער־קאנפערענץ פון אפעק.

אזוי צי אנדערש, אין דער איצטיקער סיטואציע אויפן נאפט־מארק, ביים פאלן פון דער קאניונקטור און עקזיסטירנדיקע קעגנזאצן איז נישטא קיין רעאלע שאנס פון אנווענדן דאס א.ג. נאפט־געווער, מיט וועלכער עס דראט קאדאפי. פארקערט, דאס אנווענדן געוויסע אנשטרענגונגען אין דער ריכטונג וועט בלויז אפשוואכן די פאזיציע פון ליביע אין דער קאמפליצירטער שפיל. אפילו אלזשיר האט נישט אנגענומען דעם אפעל פון קאדאפי וועגן דעם נאפט־באיקאט. גלייכצייטיק קומט פאר אן עוואקואציע פון אמעריקאנער ספעציאליסטן און פערסאנאל פון ליביע, וואס עס נעמען איין די ווירטשאפטלעכע קרייזן פון לאנד מיט גרויס אומרו.

עס איז נישטא קיין גרונט צו דערקלערן, אז די מאנעווערס פונעם VI פלאט, וועלכע האבן פראוואצירט קאדאפין זענען געווען באוויסטזיניק צוגעגרייט מיט דער אפעק־קאנפערענץ און מיט אנדערע אקטן צו איזאלירן ליביע. עס איז אבער קלאר, אז דער צונויפפאל פון די געשעענישן איז צום גינסטן פון דער אמעריקאנער פאליטיק.

דער אינצידענט אין סירט־איינגוס קאן גורם זיין א נייע צעטיילונג צווישן די נאפט־מלוכות.

א פוילישע צייטונג וועגן ביאליסטאקער געטא־אויפשטאנד

די „גאזעטא וואספולטשעסנא", ארגאן פון דער פוילישער פאראייניקטער ארבעטער־פארטיי, וואס דערשיינט אין ביאליסטאק און איז באשטימט אויך פאר לאמזשע און סוואלק האט אין טאפל־נומער פון 15—16־טן אויגוסט 1981, פארעפנטלעכט א גרויס ארטיקל א״ג „דאס ביאליסטאקער געטא".

דער אויטאר וו. מאנקעוויטש, פארוואלטער פון דער ביאליסטאקער ביורא פון דער קרייז־קאמיסיע צום פארשן די היטלעריסטישע פארברעכנס שילדערט די מארטיראלאגיע און קאמף פון די יידן אין ביאליסטאק בעת דער נאצי־אקופאציע.

אין אנהייב דערציילט דער אויטאר די געשיכטע פונעם אנשטיין פון געטא, לויט א פארארדענונג פון דער היטלעריסטישער מאכט פונעם 26־סטן יולי 1941 יאר.

נאך איידער עס איז געשאפן געווארן דאס געטא האט די יידישע באפעלקערונג פון ביאליסטאק איבערגעלעבט עטלעכע טעראריסטישע אקציעס. ברייט איז באקאנט דער פאקט פון דער הריגה פון יידן, וואס האט געהאט אן ארט גלייך נאכן פארנעמען די שטאט דורך די מיליטערישע אפטיילן. עס איז דעמלט פארברענט געווארן די גרויסע סינאגאגע און דער גאנצער ראיאן לעבן דער סינאגאגע (כאנאיקעס) און עס זענען דארט דערמארדעט געווארן בערך 2 טויזנט פערזאן.

אין די טעג פון 5—12 יולי 1941 יאר האט מען אין דעם דערבייאיקן וועלדל פעטראשע דערשאסן א גרעסערע צאל יידן, באזונדערס פון צווישן דער אינטעליגענץ. גלייך נאכן פארנעמען ביאליסטאק דורך די דייטשן האט די יידישע באפעלקערונג געמוזט באצאלן א הויכע קאנטריבוציע, וואס האט באטראפן 5 קגר. גאלד, 300 קילאגראם זילבער און 3 מיליאן רובל.

אין טאג פון 27־סטן יוני, אין טאג פון אריינמארשירן פון דייטשישן מיליטער אין דער שטאט, איז לויטן אויפטראג פון דער מיליטערישער מאכט, געשאפן געווארן א 24־פערזאניקער יודענראט, הגם בראש איז געשטאנען דער רב גדליה ראזענמאן, האט אנגעפירט פון אנהייב אן, אינזש. אפרים בארש... אין די טעג פון 20־טן יוני ביזן 1־טן אויגוסט 1941 האבן די יידן, וואס האבן געוווינט מחוץ דעם געטא, געמוזט פארלאזן זייערע היימען און אריבערציען זיך אין געטא אריין.

דעם 1־טן אויגוסט 1941 איז דאס געטא פארמאכט געווארן און עס איז אונטערגעארדנט געווארן דער ציווילער מאכט, דעם דעמלט געשאפענעם „באצירק ביאליסטאק". די ציווילע געטא־פארוואלטונג, וואס האט זיך געפינען אויף דער וואשעווער גאס נ״ר 3 האט ארויסגעגעבן א ריי דיסקרימינאציע־פארארדענונגען. זינט דעם 8־טן יוני 1941 — נאך בעת דער מיליטערישער אדמיניסטראציע — האט מען איינגעפירט די פליכט פון טראגן דורך די יידן — אומאפהענגיק פון עלטער — דעם מגן־דוד, אויסגענייט אויף די קליידער אויף דער ברוסט און פלייצע. דעם דריטן אויגוסט פון זעלבן יאר האט מען פארבאטן די איינוווינער צו פארלאזן דאס געטא אונטער דער דראונג פון טויט־שטראף אין עטלעכע טעג שפעטער, דעם 15 אויגוסט, האט מען פארבאטן די יידן צו מאכן איינקויפונגען אויף דער ארישער זייט פון שטאט. אין דעם 18־טן אויגוסט האט מען איינגעפירט קאלעקטיווע פאראנטווארטלעכקייט פון דער יידישער גמינע פאר באזארגן זיך פון פראדוקטן דורך יידן אויסערן געטא. גלייכצייטיק האט מען איינגעפירט אין געטא דאס ראציאנירן די שפייז, וואס האט געצילט צום אויסהונגערן זייערע איינוווינער. ברויט האבן באקומען בלויז ארבעטנדיקע: צו ערשט א האלבן קילא טעגלעך, שפעטער — בלויז 30 דעקא. מיט שפייז־הילף פארן געטא האבן געאיילט די איינוווינער פון ביאליסטאק און פון די ארומיקע דערפער, וועלכע האבן נישט געקוקט אויף דער דראונג פון טויט שטראף פאר אנהאלטן פארבינדונגען מיט דער יידישער באפעלקערונג, באזארגט דארט שפייז און אנדערע סחורה, דערונטער אויך מעדיקאמענטן, בכדי צו פארגרעסערן די נישט גרויסע מעגלעכקייטן אין הינזיכט פון באשפייזן די באפעלקערונג, האט מען יעדעס שטיקל ערד אויפן שטח פון געטא אויסגענוצט אויף פארזייען גרינס.

מען האט ארגאניזירט הילף פאר די צוממערסטן־נויטבאדערפטיקע: פאר אינוואלידן, זקנים, קינדער. אבער זעלטן איז געלונגען צו באזארגן אויף דעם ציל מער ווערטפולע שפייז־ארטיקלען חוץ א זופ. די קראנקע האבן באקומען הילף אין צוויי שפיטעלער: איינעם אויף דער יוראוויעצקע נ״ר 7 — די אנדערע אויף דער פאבריטשנע־גאס נ״ר 27. מען האט געזארגט פאר אפהיטן די היגיענע. מען האט ארגאניזירט אפילו צוויי שולן, וועלכע זענען געווען טעטיק ביז הארבסט 1942 יאר.

די אומגעהויער שווערע לעבנסבאדינגונגען פון די איינוווינער פון געטא האט נאך מער פארערגערט די גרויסע ענגשאפט. אויף איין פערזאן איז אויסגעפאלן 3 קוואדראט־מעטער אויבערפלאך. אין געטא האבן זיך געפונען העכער 50 טויזנט מענטשן, באשטימטע דורך די נאציס אומצוברענגען.

אין אלגעמיין האבן די יידן גערעכנט אויף אויסדויערן, ווערנדיק ביז דער לעצטער מינוט אפגענארט דורך די דייטשן. אויפן שטח פון געטא האט מען ביי דער הילף און אונטערשטיצונג פון דער היטלעריסטישער מאכט געלאזט אין גאנג די טעקסטיל־, רימער־, און שוסטער־פאבריק, ווי אויך פילצאליקע האנטווערקער־ווארשטאטן. דאס געטא האט מיט זיך פארגעשטעלט א רעזערוואר פון ארבעטס־כוחות, וואס זענען יעדן טאג אויסגענוצט געווארן אויסערן געטא. דער יודענראט, וועלכער האט זיינע באמיונגען פאר דער אנטוויקלונג פון דער פראדוקציע און אויסנוצן די יידישע ארבעט פארבינדן מיט די באדערפענישן פון דער דייטשישער באוואפענונגס־אינדוסטריע, רעפרעזענטירט אין ביאליסטאק דורך דעם גרויסמייסטער פרעסע, האט אויסגערעכנט אויף אזא אופן אויסצומיידן די ליקווידאציע פון געטא.

לוידער נאך דער קאנפערענץ פון 20־סטן יאנואר 1942 אין בערלין, וועלכע האט באשטעטיקט דעם פלאן פון טאטאלער פארניכטונג פון די יידן איז שוין נישט געווען קיין שום האפענונג אויף רעטונג.

(המשך זייט 5)

דאס געזעץ וועגן די גרענעצן פאר דער פרייהייט פון ווארט

(סוף פון זייט 1)

— איר באהויפטעט פונדעסטוועגן, אז דאס איז א צייטווייליקע לעזונג.

— אין דער מאס פונעם רייף ווערן פון דער געזעלשאפטלעכקייט, דער אנטוויקלונג פונעם קולטור־ און פאליטישן לעבן מוז די צענזור אפשטארבן. קלאר, אז דאס איז א פראצעס, וואס וועט זיך פונאנדערטיילן אויף א סך יארן. עס איז איצט שווער צו פאראויסזען, וואס פארא צייט־פונאנדערטיילונג דאס וועט זיין.

— וואס זענען נוגע געווען די קאנטראווערסיעס, וועגן וועלכע איר רעדט?

— הויפטזעכלעך דעם ארטיקל 4 פון געזעץ און זיין פונקט 11, בנוגע דעם אויסשליסן פון אונטער דער צענזור די ביולעטינען פון פאליטישע און פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס. איך מוז זאגן, אז די לעזונג פון דאזיקן פראבלעם — הגם אין הסכם מיטן געזעלשאפטלעכן פראיעקט — רופט ביי מיר ארויס ספקות, מחמת דאס געזעץ דארף זיין אידענטיש פאר יעדן איינעם. פון דער צווייטער זייט אבער, ווי א פראקטיקער בין איך פאר אזא לעזונג, ווייל עס האט דאך זי ארויסגערופט דאס לעבן אליין.

א צווייטער שטרייטבארער פונקט איז געווען דער פראגמענט פון ארטיקל 2, וועלכער איז נוגע די באגרענעצונגען פון דער פרייהייט פון ווארט אויפן געביט פון דער פראבלעמאטיק אין שייכות מיט די אויסלענדישע באציונגען פון דער מלוכה. לסוף האט מען אנגענומען די ווערסיע — וואס איך שטרייך אונטער מיט פערזענלעכער סאטיספאקציע — וועלכע עס האט פארגעלייגט די פארוואלטונג פונעם קלוב פון אינטערנאציאנאלע פובליציסטן, וואס זאגט, אז „מען טאר נישט שטערן די קאנסטיטוציאנעלע יסודות פון דער אויסערן־פאליטיק פון דער פוילישער פאלקס־רעפובליק און אירע פארבינדונגען". קאנטראווערסיעס האט אויך ארויסגערופן דער ענין פון א״ג קאמוניקאציע־דעביט. ד״ה דערלאזן צום פארשפרייטן איבערן לאנד פון דער אויסלענדישער פרעסע און אויסגאבעס. אייגנטלעך דארף דאס דאזיקע פראבלעם נישט אינטערליגן דעם געזעץ וועגן קאנטראל פון די פובליקאציעס, מחמת דער צאלאמט דעצידירט דאך, וואס אריינלאזן אין לאנד און וואס נישט. לסוף האבן מיר זיך דעצידירט איינצושליסן אין געזעץ דעם ענין פון פרייהייט צו געניסן פון אויסלענדישע פובליקאציעס. קיינער, וועלכער דארף אין הסכם מיט די פאדערונגען פון דער אויסגעפירטער דורך אים פראפעסיע זיך מיט זיי באנוצן, דארף דא נישט אנטרעפן אויף קיין שטערונגען.

— א דיסקוסיע האט אויך ארויסגערופן דער ענין פון אונטערארדענען דעם הויפט־אמט פון קאנטראל די פובליקאציעס און פארשטעלונגען.

— אין דער דאזיקער פראגע האבן מיר שנעל דערגרייכט א פארשטענדיקונג. אויסגעלערנט פון די אייגערסט אומאנגענעמע דערפארונגען פון די פארגאנגענע יארן האבן מיר אויסגעשלאסן די מעגלעכקייט פון אונטערארדענען דעם צענזור־אמט דער רעגירונג. דער געזעלשאפטלעכער פראיעקט האט פאסטולירט איבערצוגעבן דעם דאזיקן אמט אונטער דער קאנטראל פון סיים. דאס וואלט אבער געווען זייער שווער צו רעאליזירן מחמת קלארע, טעכנישע טעמים. מיר האבן דעריבער אנגענומען די לעזונג: אונטערארדענען דעם צענזור־אמט דעם מלוכה־ראט. וועלכער איז דאך אומדירעקט אונטערגעארדנט דעם סיים. קלאר, אז דער מלוכה־ראט דארף אויסטיילן פון זיך עפעס א קאמיסיע, אדער אנדערע קערפערשאפט, וועלכע וועט זיך מיט די דאזיקע ענינים פארנעמען.

פ. צעגעלסקי
(אינטערפרעס)

דער פויפסט יאן־פאוועל II
דאנקט דעם יידישן היסטארישן אינסטיטוט אין פוילן

נאך דעם פארברעכערישן אטענטאט אויפן פויפסט יאן־פאוועל II אין רוים, האט דער יידישער היסטארישער אינסטיטוט אין פוילן ארויסגעשיקט צום וואטיקאן זיינע אויסדרוקן פון מיטגעפיל.

איצטער האט דער סעקרעטאריאט פון וואטיקאן איבערגעשיקט צום יידישן היסטארישן אינסטיטוט א דאנק.

אט איז דער טעקסט פונעם בריוו.

„צום וואטיקאן זענען אנגעקומען די ווערטער, אין וועלכע איר האט אויסגעדריקט סאלידאריטעט מיטן הייליקן פאטער יאן־פאוועל II נאכן פארברעכערישן אטענטאט אויף זיין לעבן, אויפן פלאץ פונעם הייליקן פיאטער אין רוים, ווי אויך ווונטשן פאר א שנעלן געזונט ווערן.

דער הייליקער פאטער שעצט הויך אייער אידעלען הארץ־ציטער און דורך אונדזער פארמיטלונג שטרעבט ער אויסצודריקן אויך זיין הארציקן דאנק.

אויסדריקנדיק די טיפע האפענונג און איבערצייגונג, אז טראץ אלעם וועט די ליבשאפט גובר זיין די שנאה, דאס גוטס דעם שלעכטס, דער שלום דעם געוואלד און דער מענטש וועט מאכן זיין לעבן מער מענטשלעך, שיקט איבער דער הייליקער פאטער זיינע גרוסן."

מאנסעניארע דזשיאוואני (אסעסאר)

יידן אין דער וועלט

40 יאר ארגענטינער איקוף

(סינטעטישע ווערטער)

די 40 יאר ארגענטינער איקוף דאס זענען 40 מלחמה־יארן, יארן, פון געראנגל מיט אלדאס ביז, פון שטרייט קעגן אלערליי מחבלים, פון מוזן צייטנווייז לעבן אפן שפיץ פון א נאדל, אבער אויך פון קולטור־אויפשטייג און אינסטיטוציאנעלן פאנאנדערבוי, נישט געקוקט אויף אלע פאליטישע צרות פון געמיינסטן מין.

דער איקוף איז אויסגעוואקסן מיטן אימפעט און מיט דער עקשנות פון יענעם אקראבאטישן געוויקס, וואס אין א ביט קען ער „מאכן א לעבן" אין א שפאלט פון א פעלדז און בלייבן הענגען איבער אן אפגרונט.

נישט מיטן כוח פון ביסים איז ער ארויס אומבאשעדיקט פון אלע וויכערדיקע געדרייען. פון ערשטן מאמענט אן האט דאס פאלק געוויקלט אין ליבע און אין געזעלשאפטלעכער ווארעמקייט די איקופישע יארן, געציטערט און געפלאטערט איבער זיי, און אויסגעטראגן זיי בכבודיק.

אויף אונדזער איקוף לאזט זיך זאגן, אז זיינע 40 יאר זענען א סך מער ווי די סומע פון 40 יאר, סיי ווייל די יידן און אויפטוען זיינע וואלטן געקלעקט אויף אויסצופילן נאך א פעריאד פון 40 יאר און סיי ווייל ס'האט עקזיסטירט אין ארגענטינע אפראיקופישע תקופה, וואס איז, לויט איר אידעאליזם, אויפטוערישקייט און קעמפערישקייט, געווען פונקט אזוי איקופיש ווי אין די שפעטערדיקע איקופישע צייטן. די פראיקופישע „הקדמה" פון איקוף האט געדויערט 25 יאר און מען קאן זי אנהייבן צו ציילן פון ערשטן קולטור־צוזאמענפאר אין לא פלאטא (1915) — א צוזאמענפאר, וואס זיינע יידיש־וועלטלעכע, פראגרעסיווע איינשטעלונגען לאזן זיך אריינפאסן אין די שפעטערדיקע ראמען פון איקוף.

אין די 20־קער יארן האט זיך די יידישע פראגרעסיווע באוועגונג אויסגעצייכנט מיט איר דרייסטער רעוואלוציאנערישקייט און קולטור־בוינג; אין די 30־קער יארן האט זי אנגעהויבן איר פארביטערטן קאמף קעגן קריאטישן פאשיזם; און זינט די 40־קער יארן, מיטן אויפקום פון „יידישן קולטור־פארבאנד", איז דער איקוף געווארן די מיליטאנטישע באזע פון דער יידישער קולטור ביי אונדז אין לאנד.

די ארגענטינער אנהייבן פון איקוף זענען פארבונדן מיט דער פאטריארכאלישער פיגור פון פיניע קאץ — דעם שטערן פון בעסערן יידישן ווארט אין ארגענטינע און פון אלץ וואס איז מאראליש רייך. דער עלעמענט, ווידער, פון וועלכן ס'האט זיך פארמירט די איקוף־מאסע, איז דער זעלבער פון וועלכן עס זענען ארויסגעקומען די געטא־קעמפער, די פארטיזאנער, די פאליטישע מארטירער, די אנטיפאשיסטישע העלדן. אלץ און אלע אין איקוף זענען געווען דער אויסדרוק פון מאראלישער זויבערקייט און טריישאפט צום פאלק. אלץ איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעאלן פון סאציאלער באפרייונג און פון פאלקיש־יידישער קולטור־דערהויבונג.

אין אפריל 1941 האבן זיך פארזאמלט 58 קולטור־אינסטיטוציעס פון גאנצן לאנד, צוזאמען מיט פארשטייער פון אורוגוויי, בראזיל און טשילע, און ס'איז פייערלעך געגרינדעט געווארן דער ארגענטינער איקוף, אונטער די פייערשפייענדיקע נאזלעכער פון דער „סעקסיאן עספעסיאל"...

סעפטעמבער 1930 (אוריבורו־פוטש) און סעפטעמבער 1939 (מלחמה־אנהייב) זענען שוין דאן געווען פון הינטן, אבער יוני 1941 (נאצי־אנפאל אויפן ר"פ) און יוני 1943 (פאשיסטישער גענעראלן־פוטש) זענען נאך געווען פון פארנט, אבער שוין מיט דעם אליין וואס איז געווען פון הינטן האט דער יונגיטשקער איקוף געהאט צו זינגען און צו זאגן, און דאס וואס איז געקומען שפעטער האט נאך מער געדריקט און געשטיקט, און געזוכט אויסרייסן אלץ מיטן ווארצל.

זינט 1930, ווען ס'איז צום ערשטן מאל אין לאנד פארקוועטשט געווארן די מיליטאריסטישע פויסט, זענען פארניכטעט געווארן 2 יידיש־וועלטלעכע שולוועזנס אונדזערע, 3 פראגרעסיווע טאגצייטונגען, מאסנהאפטיק־שפרודלדיקע קולטור־היזער. זינט דאן האט אויף אונדזער לעבעדיקן יידישן פאלקסווארט נישט אויפגעהערט צו לויערן דער פארטיליקער, אבער א ריזיקע לעבנסקראפט האט אונדז אויפגעהאלטן און מיר האבן באוויזן אויפצושטעלן אן איקופישע קולטור־ארגאניזאציע, וואס האט ארומגעכאפט און צענטראליזירט דאס גייסטיקע, געזעלשאפטלעכע און אינסטיטוציאנעלע לעבן פון סאמע פאלקסטימלעכסטן שיכט פון אונדזער ישוב.

איבער אלע פראבלעמען און פנים־אל־פנים מיט די בלוטיקע סכנות, האט געשוועבט פאר אונדזערע אויגן דער איקופישער פרינציפ: זייט וואך! וואך ווי אין פאריז 1937, ווי אין ווארשע 1943, וואך קעגן נייע אקטן און נייע פארשווערונגען, און דערפאר האבן מיר שטענדיק אויסגעצויגן א ווארעם־יידישע האנט צו די נישט־איקופישע קרייזן, כדי אויסצוגעשטאלטיקן א געמיינזאמען פראנט פון שלום און אייניקייט, אבער זייער ענטפער איז געווען — אומזיניקער טאקיפישער שלום...

א מאטיוו פון בארעכטיקטן שטאלץ פארן ארגענטינער איקוף איז דער פאקט וואס ער איז קיינמאל נישט געבליבן אן א זייט פון דער ארגענטינער נאציאנאלער ווירקלעכקייט און וואס אין אלע צייטן האבן זיך זיינע יידישע קאמפן אויסגעוויקלט אפן פליין פון די פרייהייט־קאמפן פון ארגענטינער פאלק.

אויף א פארטיזאנישן אויפן האבן מיר געהאלטן אין איין שטרייטן קעגן פעראניסטישן, אליגארכישן און יודענראטלערישן שונא, וואס איז געווען סימבאליזירט דורך אן אימפארטירטער ראבאנישער בארד... אפן אדער געהיים, לעגאל אדער אומלעגאל, עפנטלעך אדער קאנספיראטיוו האבן מיר זיך געראנגלט פאר די אידעאלן פון דער יידישער און נישט־יידישער ארגענטינע. מען האט אונדז געצאלט מיט תפיסות פייניקונגען, פארפאלגונגען און שליסונגען. מען האט געשנאפט אונדזערע פוסטריט און דערפאר האט אונדזער זיצונג־טיש ארומגעוואנדערט פון איין ארט צום צווייטן. מיר האבן אבער אויפגעהאלטן די ריינקייט פון איקוף און פארהיט אים פון שענדלעכן שאנטאזש.

אונדזערע 40 יאר איקופישע ארגאניזירטקייט, די דאזיקע שווערע, בלייענע יארן, זענען פול מיט מעשים און דערגרייכונגען, אבער מער פון אלץ מיט מענטשן: אייגענע, איבערגעגעבענע און געטרייע, וואס געפינען זיך בלב ונפש אין יום־טובדיקן צעכנער פון אונדזער אידעע, פון אונדזער כלל־זאך, פון אונדזער שטימונגספילער און אידעענפולער דערהויבנקייט.

אויב אין אונדזער ארבעט האט זיך פון צייט צו צייט געקענט מערקן א געוויסע טראציקייט אדער ווארטשארפקייט, איז עס נישט געווען קיין אויסדרוק פון באגרענעצטקייט אדער ביורוליקייט, נאר פון ליידנשאפט, אימפעט און פייער, מיט וועלכע מיר זענען געווינט צו באשיצן אונדזערע גערעכטע, טיף־אידעאליסטישע שטעלונגען, פנים־אל־פנים מיט די גוואלדיקע עוולות וואס זענען קעגן אונדז באגאנגען געווארן.

מיט אלע ביסיונעס און שוועריקייטן איז די איקוף־פאנאראמע פון די 40 יאר געווען אן אויסגעפולטע, א וואלדיקע, אזוי צו זאגן. פארשידענע יידישע און נישט־יידישע העק און זעגן זענען געלאזט געווארן אין גאנג אויף אויסצוהאקן דעם דאזיקן וואלד, אויף אויסצוקארטשעווען אים. עטלעכע פארדארטע ביימלעך זענען אפגעפאלן, אבער דער וואלד איז אלץ איינס דא. ס'איז דא יונגוואלד און מיטלוואלד און אלטוואלד, און ס'איז אויך דא דער איקופישער טערפענטין־ריח פון סאסנע־פעך און זשיוויצע, וואס דיך אראמאט וועט זיך קיינמאל נישט אויסוועפן, וויפל עס זאלן זיך נישט ענדערן די אביעקטיוו־היסטארישע אומשטענדן, די מעטאדיק און דער גאנג פון די נייע דורות.

אין 40־יאריקן לעבן פון אונדזער איקוף איז פאראן א סך פארגעשיכטע, נאך מער געשיכטע און מער פון אלע — לעבעדיקע ווירקלעכקייט.

אויסער דער נאענטער היגער פארגעשיכטע, אויף וועלכער מיר האבן זיך זייער איבערפלעכלעך אפגעשטעלט, איז פאראן א ווייטערע: דאס איז דער לאנגער טראדיציאנעלער שנור פון פאלקס־יידישקייט, וואס פארבינדט אונדז, נישט נאר מיטן יידישן היינט און מיט די לעצטע טויזנט יאר יידיש לעבן און יידישן דראנג צו פרייהייט, נאר אויך מיט די דערהויבנסטע און קרבנותפולסטע מאמענטן פון דער עלטערער יידישער געשיכטע און מיט די אינספיראציע־קוואלן פון די סאציאלע נביאים, ווי ס'האט וויסנשאפטלעך גענוי דערוויזן אונדזער קאלמען מארמאר. אין צענטער פון אונדזער מיליטאנטישקייט שטייט אבער קלאר און דייטלעך דער סאמע אנטשיידנסטער אנטיפאשיזם.

די גרויסע באדייטונג פון ארגענטינער איקוף ווארצלט, נישט נאר אין זיינע קולטור־אויפטוען, נאר אויך, און אפשר בעיקר אין זיין געזעלשאפטלעכער דינאמיק און פארנעם, אין ווערן דער ארנטלעכסטער סאציאל־פאליטישער ווארטזאגער אין יידישן לעבן, אין פארוואנדלען זיך אין א מאראלישן קאנטראל־פאקטאר פון דעם וואס עס געשעט. פון בלויז א קולטור־פארבאנד איז דער איקוף געווארן א פאלקס־לאגער און איז דער קעגנגעוויכט צו דעם אלץ וואס דער בירגערלעכער סעקטאר שטעלט פאר מיט זיך קולטורעל, געזעלשאפטלעך, פאליטיש און אינסטיטוציאנעל.

די מארטירערישקייט פון 40 יאר איקוף־געשיכטע האט אונדז נישט מיד געמאכט. מיר וועלן ווייטער שמידן אונדזער שטאל און אייזן. מיר וועלן ווייטער שטיין אויף דער וואך מיט אונדזער מיליטאנטישן אנטיפאשיזם. מיר וועלן ווייטער העלפן בויען דעם שלום. העלפן אויפשטעלן א פאלקישע ארגענטינע און מיטשטייערן מיט אונדזער איקופישע קולטור־אנשטרענגונגען צום סאציאליסטישן גליק פון דער מענטשהייט.

צאלעל בליך

ארטור זיגלבוים גאס אין לוד

אין א נייער שכונה אין לוד, איז דינסטיק דעם 23־סטן יוני 1981 פארגעקומען א פייערלעכער אקט פון אנטהילן א שילדל מיטן נאמען פון א גאס א"נ פון קדוש שמואל ארטור זיגעלבוים. אין גרויסן זאל פון יוגנט־צענטער, פארפולט מיט א סך געסט פון דער שארית־הפליטה, וואס זענען געקומען קיין ישראל צו זייער וועלט־צוזאמענפאר, האט דער ווארטזאגער פון דער שטאט־פארוואלטונג, ד"ר משה ברנע געעפנט די פייערונג, אקצענטירנדיק די חשיבות פון נאמען שמואל ארטור זיגעלבוים, זיין מסירת־נפש פארן יידישן פאלק, וואס אונדזער יוגנט מוז לערנען און וויסן: „...ווייל שמואל זיגעלבוימס גרויס ווייטאג איז אויך געווען דער מיליאן יידישע קינדער וואס היטלער האט אומגעבראכט און ווי ער האט מיט ביטערניש געשריבן צו זיין ברודער, דעם שרייבער פיזול זיגעלבוים: „צי האב איך געראטעוועט כאטש איין יידיש קינד? וועלן מיר נאך הערן יידישע קינדער זינגען"?.

היינט דא, וועלן מיר יא הערן די שול־קינדער פון לוד עפענען דעם אקט מיט געזאנג. אין באגלייטונג מיט דער לערערינס אקארדיאן, זינגען די קינדער געטא־לידער, ישראל־לידער, א מעלאדישע מימרה פון ר' נחמן בראצלאווער און דאס פארטיזאנער־ליד. מיט פרייד און טרערן זאפן איין יידן פון פארשידענע עדות דאס קינדישע געזאנג. מיט רעדעס זענען אויפגעטראטן: בירגערמייסטער אדוו. משה אפרת, פארזיצער פון געטא־קעמפער און פארטיזאנער־פארבאנד, סטעפאן גראיעק, און סעקרעטאר פון „ארבעטער־רינג", חיים באביק.

דער פארזיצער לייענט צוגעשיקטע באגריסונג־טעלעגראמעס פון: יוסף זיגעלבוים און משפחה, ארטורס איינציק לעבן־געבליבענער זון פון לאס־אנדזשעלעס; פיגע דאנציגער, דעם קדושס שוועסטער פון ארגענטינע; פון די ברידער: ישראל זיגעלבוים און משפחה פון מיאמי; אברהם און טעמע זיגעלבוים פון לאס־אנדזשעלעס, ראובן זיגעלבוים און משפחה פון יאהאנעסבורג, סעם קירזשנער, א קרוב פון מאנטרעאל, פראפעסאר ארטור לערמער, קאנאדע און אנדערע.

פון זאל ווערט דער עולם געפירט צו דער גאס, וו עס שטייט א ספעציעל געבויטע טריבינע, באצירט מיט פענער, בלומען און א בילד פון ארטור זיגעלבוים.

דער ברודער פון קדוש, פיזול זיגעלבוים, וואס לעבט אין ישראל, אנטהילט דאס שילדל. עס נעמט א ווייל, ביז דער עולם שטילט איין דעם אפלאז און שעפטשעט אויס דעם נאמען פון דער נייער גאס. אויך די בוי־ארבעטער פון די נייע הייזער ארום קומען צו לייענען דאס שילדל און הערן זיך צו צו די רעדנער וועגן דעם מאן, וואס די גאס טראגט זיין נאמען.

פון דער טריבונע האבן גערעדט: דער ראש־העיר אדוו. משה אפרת, דער רב פון לוד, נתן ארטנער; דער ברודער פון קדוש, פיזול זיגעלבוים; דער „פאטער" פון די פארוואונדעטע זעלנער אין ישראל, שמחה האלצבערג און דער שרייבער אברהם ליס.

אלע רעדנער האבן אונטערגעשטראכן די העראישע געשטאלט פון שמואל מרדכי ארטור זיגעלבוים, די תקופה פון זיין טראגיש־העלדישן טאט, זיין מסירת־נפש פארן יידישן פאלק, ווי פארן מענטשלעכן כבוד בכלל.

לוד, איז די דריטע שטאט אין ישראל, וואס באערט דעם אנדענק פון דעם גרויסן פאלקס־קדוש מיט א גאס אויף זיין נאמען. תל־אביב, פתח־תקוה און איצט לוד, האבן זיגעלבוים גאסן.

אין זיין ווארט האט פיזול זיגעלבוים דערציילט פון א פראמינענטן פוילישן שרייבער אלעקסאנדער ראווינסקי, וואס האט נישט געזשאלעוועט קיין מי, איז געפארן קיין לאנדאן צו פארשן די עפאפיי ארטור זיגעלבוים אין שטויב פון אלטע ארכיוון, אין אינסטיטוציעס, ביי פערזענלעכקייטן און סתם מענטשן, וואס האבן עפעס געוווסט פון זיגעלבוימען. איז ארויס א בוך: „ער האט געהייסן זיגעלבוים" (דאס לעבן און טויט פון ארטור זיגעלבוים), וואס דער מחבר האט עס אויך באארבעט פאר א פילם. וואס ווערט געגרייט אין ווארשע.

„ישראל־שטימע"
תל־אביב

יידישע קאלאניזאציע אין סורינאם

סורינאם איז די מיטלסטע פון די דריי גוויינעס, וועלכע ליגן צווישן בראזיל, ווענעזועלע און דעם אטלאנטישן אקעאן. ביז 1975 איז עס געווען א האלענדישע קאלאניע. דאס דאזיקע ערד־ווינקעלע, לאזט זיך אויס, איז פארבונדן מיט דער עלטערער און נייער יידישער געשיכטע — מיט אלטער יידישער קאלאניזאציע און מיט היינטצייטיקע טעריטאריאליסטישע טרוימען, וועלכע האבן זיך אויסגעוועפט ווי חלומות.

אין מיטן פונעם 17־טן יארהונדערט האט זיך אין סורינאם אויספארמירט א לאנדווירטשאפטלעכע ספרדישע קאלאניע, וואס האט געהייסן „טאראריקא" („רייכע, אדער שיינע תורה"). שפעטער האט זיך געגרינדעט א צווייטע קאלאניע פון יידישע צוקער־פלאנטאטארס אונטערן נאמען „יאדען סאוואנע" (יידיש פלאכלאנד) און וואס איר שטעטלשער צענטער האט געהייסן „יאדענדארפ" (יידנדארף). דערנאך זענען צוגעקומען האלענדישע און דייטשישע אשכנזים און אפילו פליטים פונעם לעצטן חורבן.

פון דעם צוזאמענלעבן פון די יידן־פלאנטאטארס מיט די שווארצע שקלאפינס זענען געבוירן געווארן מולאטן, אויף וועלכע די ארטיקע קהילה האט פון אנהויב געקוקט קרומלעך, אבער מיט דער צייט זענען זיי אנערקענט געווארן אלס „פולע יידן".

ווי אומעטום, זענען די יידן אין סורינאם ביסלעכווייז אפגעגאנגען פון די קאלאניזאציע־אקטיוויטעטן און זיך קאנצענטרירט אין דער הויפטשטאט פאראמאריבא, וו זיי באטרעפן 8 פראצענט פון דער באפעלקערונג. פון דער קאלאניזאציע־תקופה זענען געבליבן 3 טעמפלען פון מערקווירדיקער סינאגאגאלער קונסט, וועלכע זענען די עלטסטע אין לאטיין־אמעריקע.

דאס מאדערנע אריינדרינגען פון יידן קיין סורינאם איז פארגעקומען אין די 30־קער יארן, ווען די טעריטאריאליסטישע באוועגונג און די „פריילאנד"־ליגע האבן געזוכט א שטיקל טעריטאריע פאר די פליטים. עס זענען געפארן אהין פארשונגס־דעלעגאציעס, און מען האט אפילו אנגעהויבן אונטערהאנדלען מיט דער האלענדישער רעגירונג. ס'איז געווען איינשטימיקייט פון בידע צדדים, אבער עס האבן געפעלט די נויטיקע קאפיטאלן אויף איינצואָרדענען א מאסיווע אגריקולטורעלע אימיגראציע, און קיין מאדערנעם בארון הירש האט מען שוין מער נישט געקאנט געפינען. דער אויסגעבראכענער וועלט־קריג, פון זיין זייט, האט שוין איינגאנצן צונישט געמאכט דעם סורינאם־טרוים.

אט אזוי האט די יידישע געשיכטע צוויי מאל אנגערירט דעם דאזיקן פארווארפענעם עק....

(„סאוועטיש היימלאנד")

יידישע נייעס • יידישע נייעס • יידישע נייעס • יידישע נייעס

ידיעות פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס:

עס איז דאס ערשטע מאל ווי א נאציאנאלע יידישע ארגאניזאציע אין אמעריקע און אן אראבישע רעגירונג נעמען אונטער א בשותפותדיקע מאניפעסטאציע. א קאנפערענץ געווידמעט דעם לעבן און שאפן פון רמב"ם. דעם גרויסן יידישן געלערנטן פון צוועלפטן יארהונדערט. די רמב"ם קאנפערענץ וועט פארקומען אין פעז. מאראקא. ווייל אין מאראקא האט דער רמב"ם געלעבט במשך פון צוואנציק יאר, נאכדעם ווי ער האט געמוזט פארלאזן זיין געבוירן־לאנד שפאניע.

אין מאראקא דערמאנט מען מיט גרויס דרך־ארץ דעם רמב"ם, ווייל ער האט געוויזן א גלענצנדן ביישפיל פון קעגנזייטיקער השפעה פון קולטור מצד די יידן און די מוזולמענער. נישט ווי אין אנדערע מוזולמענישע לענדער לעבן די יידן אין מאראקא א רואיק לעבן, האבן אן ארגאניזירטע קהילה און קענען זיך באטראכטן אלס א טייל פון יידישן פאלק אין דער וועלט.

פילם וועגן ארטור רובינשטיין

מיט מער פון 12 יאר צוריק, האט פראנסוא רייכענבאך, דער, וואס האט געמאכט דעם פילם „לעבנס גליסטעניש" — וואס איז א פארטרעט פון ארטור רובינשטיין, מיט וועלכן ער האט געוואונען די פרעמיע אסקאר, דערקלערט: „כ'האב באקענט געמאכט א שוין בארימטן מענטש". דער באוואוסטער פראנצויזישער סינעאסט האט נישט פון לאנג געענדיקט דאס דרייען א סעריען־פילם פון דריי טיילן פאר דער טעלעוויזיע, מיט דער טעמע די זכרונות פון דעם בארימטן פיאניסט, וועלכער פירט מיט זיין וווּנדערבארער מעמאריע די צוקוקער איבער דריי שטעט, וועלכע ער האט שטארק ליב געהאט: ווענעציע, פאריז און דאוויל. „איך קאן שוין מער נישט שפילן, האט דערקלערט רובינשטיין, אבער ענדלעך קאן איך זיך צוהערן צו די שדעווערס וואס איך קען נישט".

אויסצייכענונג פאר הילף פאר יידן

גערטרודע לוקנער, וואס איז היינט אלט 80 יאר, און איז געווען אין נאציסטישע קאנץ־לאגערן א הילף פאר יידן, האט באקומען דעם מעדאל „בובער־ראזענצווייג" אויפן 1980 יאר. מצד דעם קאארדינירונגס־ראט פון די געזעלשאפטן פאר דער יידיש־קריסטלעכער צוזאמענארבעט. די פרוי גערטרודע לוקנער האט אויך באקומען א מעדאל פאר איר ביישטייער צו די יידיש־קריסטלעכע פארבינדונגען.

דעקלאראציע פון רודאלף קירשלעגער וועגן יידן

ביי דער געלעגנהייט פון אויפנעמען א דעלעגאציע פון דער יידישער יוגנט, האט רודאלף קירשלעגער, פעדעראלער פרעזידענט פון עסטרייך, דערקלערט, צווישן אנדערע, אז נעמענדיק אין באטראכט די פארברעכן פון דער שואה, איז די פליכט פון די „פאראנטווארטלעכע פאליטישע כוחות צו גאראנטירן, אז אזעלכע שרעקלעכע זאכן זאלן מער נישט פארקומען". דער פעדעראלער פרעזידענט האט צוגעגעבן אין א טעלעקס, וואס איז צוגעשיקט געווארן פון ווין צו דער ניו־יארקער ביורא פון יידישן וועלט־קאנגרעס, באציענדיק זיך צו דער זעלבער טעמע, אז: „דאס וואלט געדארפט זיין די הויפט־פליכט פון די, וואס האבן די פאליטישע מאכט, ווי אויך פון דער עסטרייכישער יוגנט".

אן אלבום וועגן לעבן פון די פוילישע יידן

לוציאן דאבראשיצקי און בארבארא קירשעבלאט־גימבלעט זענען די מחברים פון אן אלבום, וואס מע האט נאר וואס ארויסגעגעבן און וועלכער האט אלס טעמע דאס לעבן פון די פוילישע יידן צווישן 1864 און 1939. דער אלבום אונטערן טיטל „בילדער פאר מיינע אויגן" איז צונויפגעשטעלט געווארן צוזאמען מיט ייווא און אנטהאלט בילדער, וואס באווייזן אלע אספעקטן פון יידישן לעבן פון פארמלחמהדיקן פוילן.

געשטארבן דער דיכטער אברהם גאנטאר

אין מאסקווע איז נאך א לענגערער קראנקהייט געשטארבן אין עלטער פון 74 יאר, דער באוואוסטער דיכטער און פראזאיקער אברהם גאנטאר.

מיט זיין טויט האט די סאוועטישע יידישע ליטעראטור פארלוירן איינעם פון אירע טאלאנטפולסטע שעפער.

געזעץ לטובת די קרבנות פון נאציזם

די פראנצויזישע נאציאנאלע פארזאמלונג האט אנגענומען א געזעץ, לויט וועלכן מע דערלויבט די ארגאניזאציעס פון די געוועזענע דעפארטירטע אין די נאציסטישע לאגערן זיי זאלן זיך ארויסשטעלן אלס ציווילע פאדערער, סיי ווען ס'איז די רייד פון מלחמה־פארברעכן אדער פארברעכן קעגן דער מענטשהייט.

(סוף פון זייט 1)

זיין האָבן געקעמפט „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט“

יידישע און פּוילישע שלאַכט־לייט אין בענקעטאַס לעבן באַרצעלאָנע אין 1937 יאָר.

פּוילישע אַרבעטער אין קאַנאַדע. מיט א העלדן־טויט זענען געפאַלן די בראַווע יידישע קעמפער אינזעלשטיין, עלקאַן, באָמאַן. מיט אייביקער רום האָבן זיך באַדעקט דער אַדיוטאַנט פון דעם דאָמבראָווסקי־באַטאַליאָן, קאַפּיטאַן ..... דאַווידאָוויטש, יוזעק רובינשטיין, וועלכער איז געקומען אויף די שפּאַניע שלאַכט — פעלדער גלייך פון ברעזע־לאַגער, האָט נישט געקוקט אויף זיינע פיר וווּנדן, נישט אָפּגעטראָטן פון זיין מאַשין־געווער און געפאַלן פון שונאס קויל. דער העלדישער בחור באַברוש ניסענבוים, א מיטגליד פון וואַרשעווער קאַמיוג איז אומגעקומען ביי פאַרטיידיקן מאַדריד, מיט א העלדן־טויט זענען געפאַלן די קעמפער פון דער מיצקעוויטש־קאָמפּאַניע מגנהיים און ווייסענבערג. דער לעצטער האָט אליין צוגעפּויזעט צו דער באַן־סטאַציע, ווי עס האָבן זיך איינגעהאַלטן פאַשיסטן און זיי באַוואָרפן מיט גראַנאַטן. עס איז געפאַלן דער בונדיסט בנימין ליפּשיץ — „לאַרענטאַ“.

די שפּאַנישע ערד האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס בלוט פון אונדזערע בעסטע זין. העכער דריי טויזנט קרבנות האָבן געגעבן די פּוילישע פרייוויליקע אין קאַמף פאַר שפּאַניעס פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. דער לעצטער פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע איז אומגעקומען אין קאַמף „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט“ כאַסקל האָניגשטיין. ער איז געפאַלן אין מאָמענט פון עוואַקוירן די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע.

אין דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע און אין די אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס האָבן געהערשט ברידערלעכע באַציאונגען צווישן די זעלנער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. די יידן און פּאָליאַקן האָט פאַראייניקט דער געמיינזאַמער קאַמף פאַר געמיינזאַמען ציל — העלפן באַפרייען דאָס שפּאַנישע פאָלק פון דער פאַשיסטישער געפאַר. אָפּשאַצנדיק די גרויסע שלאַכט־פאַרדינסטן פון די יידישע קעמפער האָט די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע באַשלאָסן אַרויסצוגעבן א יידישע צייטונג פאַר די יידישע קעמפער. דעם 7 אויגוסט 1937 יאָר איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער דאָזיקער צייטונג אונטערן נאָמען „פרייהייטס־קעמפער“.


XIII BRIGADA-DOMBROWSKI- BATALLON -PALAFOX-

די ערשטע זייט פון דער באַטורין־צייטונג אין שפּאַניע

אינעם לייט־אַרטיקל פונעם ערשטן נומער ווערט געזאָגט: „די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן ביולעטין איז איינפאַרמירן די יידיש רעדנדיקע חברים אין זייער מוטער־שפּראַך וועגן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין גאָר דער וועלט און אין דער ערשטער ריי וועגן די פּאָליטישע און מיליטערישע לאַגע אין שפּאַניע. די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס גייען אַריין יידישע האַרעפּאַשניקעס, אַנטיפאַשיסטן אָן אונטערשייד פון זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען, האָט מיט אירע קאַמפס־מעשים באַוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפן פאַר דער פרייהייט און נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט פונעם שפּאַנישן פאָלק“.

אונדזער ביולעטין דאַרף אָפּשפּיגלען אָט דעם געראַנגל פון די צוויי פראָנטן: — „פרייהייט אָדער פאַשיסטישע רעאַקציע“.

ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פון די יידישע שלאַכט־לייט איז געקומען דער באַשלוס פון דער העכסטער אָנפירונג פון דער פּוילישער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע צו שאַפן די יידישע קאַמפס־איינהייט א.נ. פון גרויסן רעוואָלוציאָנערן העלד נפתלי באָטווין.

די יידישע פרייוויליקע האָבן אַרויסגערופן אָנערקענונג און ליבשאַפט ביי די שפּאַנישע אַרבעטער און פּויערים צוליב זייער מסירת־נפש און מוטיקייט אין קאַמף קעגן די פראַנקאָ־פאַרשווערער. באַזונדערס איז דאָס נוגע די ערשטע יידישע מיליציאָנערן חיים בעסער, די ברידער ווינער, אַבראַשע קראַשעווסקי, שאַיע ווינקלער.

אין ווייטער ווערט געזאָגט: „אין די דאָזיקע שלאַכטן פאַרנעמען די יידישע פרייוויליקע אַן אָנגעזען אָרט. וואָס וועגן דעם קאָנען שיין א סך דערציילן די שלאַכט־פעלדער אין גוואַדאַלאַכאַראַ, כאַראַמאַ, קאַרדאָוואַ, אוּעסקאַ א״אַנד. אָט די דערשיינונג איז א נאַטירלעכע, ווייל די יידישע פרייוויליקע גיבן זיך אָפּ א קלאָרן דין־וחשבון, צוגלייך מיט זייערע קאַמפס־ברודער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן: אַז דער דאָזיקער קאַמף דאָ, אין שפּאַניע, וועט באַשטימען דעם גורל פון די פאָלקס־מאַסן אין דער וועלט. דער קאַמף דאָ, אין שפּאַניע, וועט באַשטימען, צי דער פאַשיסטישער באַרבאַריזם און היטלעריסטישער ראַסיזם זאָל באַהערשן אייראָפּע, אָדער עס וועט זיגן די דעמאָקראַטיע און שלום.

וועגן שאַיע ווינקלען ווילן מיר היינט זיך עטוואָס ברייטער אָפּשטעלן.

א געבוירענער אין דעם פּוילישן מאַזורישן שטעטל ניי־סאַנדז (נאָווי סאָנטש), איז ער פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אָפּגעזעסן אין די סאַנאַציע־תפיסות 7 יאָר. צוליב די ווייטערדיקע פּאָליציייִשע רדיפות, אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און נויט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין געבוירן־לאַנד. ער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד. אָבער נאָך די היטלעריס קומען צו דער מאַכט, האָט ער געמוזט ווייטער נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. א צייט האָט ער געלעבט אין בעלגיע און פראַנקרייך. אָבער אויך דאָרט האָט ער נישט געהאַט קיין רו, נישט באַקומען קיין אַרבעט און ווין־רעכט איז ער אַוועק קיין באַרצעלאָנע, ווו ער האָט געאַרבעט ביי זיין פאַך אַלס דאַמען־שניידער.

פונעם ערשטן טאָג פון בירגער־קריג האָט ער זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין קאַמף פאַר באַשיצן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א מאַסן־באַוועגונג אין אַלע אייראָפּעישע לענדער פון שיקן פרייוויליקע קיין שפּאַניע העלפן דעם פאָלק באַזיגן דעם אָנגרייפנדיקן פאַשיזם. די ערשטע זענען געקומען אומלעגאַל די אַנטלאָפענע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דייטשלאַנד, איטאַליע, פּוילן, אונגאַרן, רומעניע. צו זיי האָבן זיך פאַראייניקט די פּוילישע עמיגראַנטן־יידן און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געלעבט אין פראַנקרייך. מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן דער שטראָם פרייוויליקע אַנטיפאַשיסטן, וועלכע זענען געקומען מיט פאַרשידענע וועגן און א מוטיקן איך יענער זייט פּירענעען, העלפן שלאָגן דעם שונא. אויפנעמען אָט די מאַסע מענטשן, איינאָרדענען זיי, געבן זיי די ערשטע הילף און צעטיילן צו פאַרשידענע קאַמפס־פאָרמאַציעס האָט מען צו פאַרטרויט דעם יאָרן איינגעפונדענעם רעוואָלוציאָנערן העלד שאַיע ווינקלער, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער אויסלענדישער ביוראָ, אונטער וועמענס אויפזיכט עס האָבן זיך געפונען אַלע מיליציאָנערן, געקומען פון פאַרשידענע לענדער.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעווייניקלעך פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָסטן, ווי מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן די פעיקייט אָנצופירן מיט מענטשן מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן, נייגונגען און אייגנשאַפטן. שאַיע ווינקלער האָט גלענצנדיק אויסגעפירט די פאַרגעבענע אויפגאַבן, פאַרוואָס אַלע האָבן אים געשעצט, ליב באַקומען און אים אָנגערופן היימישלעך ביים ערשטן נאָמען שאַיע.

ש. ווינקלער האָט שפּעטער אָפּגעשפּילט א וויכטיקע ראָל אין קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד, ביים בויען דאָס נייע דעמאָקראַטישע פּוילן.

יידן האָבן אויך געקעמפט אין די פאַרשידענע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס און באַטאַליאָנען. אַזוי, למשל איז דער קאָמאַנדיר פון דער יוגאָסלאַווישער בריגאַדע געווען דער ענגלישער ייד מעידזשאָר דשאָרזש נאַטאַן, וועלכער איז געפאַלן בעת דער שלאַכט ביי ברונעטע. דער קאָמאַנדיר פון דער אַמעריקאַנער איבראַהאַם לינקאָלן־באַטאַליאָן איז געווען דער יידישער בחור פון ניו־יאָרק, ברוקלין, מילטאָן וואָלף, יידן האָבן אויך געקעמפט אין דייטשישן באַטאַליאָן א.נ. פון ערנסט טעלמאַן; אין איטאַליענישן גאַריבאַלדי־באַטאַליאָן; אין בולגאַרישן באַטאַליאָן א.נ. פון געאָרגי דימיטראָוו, און אונגאַרישן ראַקאָשי־באַטאַליאָן.

די יידישע פרייוויליקע פון די אייראָפּעישע לענדער האָבן געהאַט דעם טיפן באַוווּסטזיין, אַז אין קאָן שטייט

שאַיע ווינקלער

נישט בלויז די שפּאַנישע הויפּט־שטאָט און נישט אפילו גאַנץ שפּאַניע. אין קאָן שטייט גאַנץ אייראָפּע. הינטער די פאַשיסטישע פראַנקאָ־פאַרשווערער שטייען אַלע רעאַקציאָנערע פאַשיסטישע רעגירונגען. א טויט־קלאַפּ פראַנקאָן באַדייט א קלאַפּ היטלערן און מוסאָליניען, א קלאַפּ טאָן די פאַשיסטן פון אַלע לענדער, דער זיג פון די דעמאָקראַטישע כוחות — דאָס אָפּהאַרפן די צוגרייטונגען צו דער שרעקלעכער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווי געזאָגט זענען די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס בכלל און די פּוילישע דאָמבראָווסקי־בריגאַדע בפרט אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט דורך די שפּאַנישע פאָלקס־מאַסן.

די קאָמאַנדשאַפט פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי און די רעגירונג האָבן הויך אָפּגעשאַצט די גרויסע שלאַכט־פאַרדינסטן פון דער גאַנצער דרייצנטער בריגאַדע א״נ פון י. דאָמבראָווסקי. אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג האָט דער פּרעמיער פון דער שפּאַנישער רעגירונג נעגרין, אויסגעצייכנט די בריגאַדע מיטן „מעדאַל פאַר מוט“.

א הויכע אָפּשאַצונג פון די פרייוויליקע קעמפער האָט געגעבן די לעגענדאַרע לאַ פּאַסיאָנאַריאַ (דאָלאָרעס איבאַרורי). אין איינע פון אירע רעדעס האָט זי אָנגעוויזן:

„אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָבן געקעמפט אויף דער זייט פון דער רעפּובליק 35 טויזנט פרייוויליקע, דערין 5 טויזנט פון פּוילן. די אַנטיפאַשיסטישע פרייוויליקע האָבן זיך גלענצנדיק געשלאָגן. עס זענען געווען צייטן, ווען זייער ווירקונג איז געווען א סך גרעסער, ווי עס האָט אָנטשפּראָכן זייער צאָל. לאָמיר זיך דערמאָנען אין די קריזיס־טעג פון מאַדריד אין נאָוועמבער 1936. דעמלט האָט בלויז איין איינציקע בריגאַדע פון עפּעס מער ווי צוויי טויזנט מאַן געקעמפט ביי די טויערן פון דער שפּאַנישער הויפּט־שטאָט, וואָס איז צו יענער צייט פאַרטיידיקט געוואָרן דורך פערציק טויזנט שפּאַנישע מיליציאָנערן.

אָבער די דאָזיקע צוויי טויזנט פרעמדע האָבן צוגעגעבן דער פאַרטיידיקונג א געוואַלדיקן שוונג. זיי זענען געווען דער שטאָלץ און די האָפענונג פון די מאַדרידער. זיי האָבן באַלעבט דעם גייסט, האָבן געהויבן דעם מוט. זיי זענען געווען דער מיטרייסנדער סימבאָל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. נישט מיט זייער צאָל, נאָר מיטן בלויזן פאַקט, וואָס זיי זענען געווען, האָבן זיי געשאַפן וואונדער. און אַזוי איז די גאַנצע צייט פון דער מלחמה. די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אויף דער ווידערשטאַנדס־קראַפט פון שפּאַנישן פאָלק איז געווען גרעסער, ווי זייער מיליטערישער הילף.

דערביי פאַרדינען די טאָטן פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס די גרעסטע אכטונג. זיי האָבן מיטגעווירקט צו דער אומניטלבאַרער פאַרטיידיקונג פון מאַדריד. זיי האָבן אויפן כאַראַמאַ־פראָנט אויף מזרח פון מאַדריד אָפּגעשטעלט די אָפענסיווע פון די אויפשטענדיקע, ביי גוואַדאַלאַכאַראַ מיטגעווירקט צום זיג פון דער רעגירונגס־אַרמיי, דערפאָלגרייך געקעמפט אין געביט פון קאַסאַבלאַנקאַ, בעת דער אָפענסיווע אויף ברונעטע, אין יולי 1937 אויסגעטראָגן די הויפּט־לאַסט פון אָנגריף; מיט אייניקע וואָכן שפּעטער דעצידירנדיק מיטגעווירקט צו דער דעראָבערונג פון קווינטאָ אין בעלכיטע, אין דער גרויסער ווינטערשלאַכט זיך העלדיש געשלאָגן פאַר טערועל, זיי זענען געווען אומעטום, ווו עס איז געווען שווער און ווי עס איז שווער צוגעגאַנגען.

נישט צו פאַרגעסן איז זייער קאַלטבלוטיקייט ביים צוריקציִען זיך. זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן נאָכן פאַלן פון מאַלאַגע מיטגעהאָלפן אויפבויען די נייע פאַרטיידיקונגס־ליניע און אויך די, וואָס האָבן אין די גרויסע קאַטאַלאָנישע שלאַכטן אין פרילינג 1938 אויף א וווּנדערבאַרן אופן געלעזט די אויפגאַבן, וואָס מען האָט זיי געשטעלט.

עס איז נישטאָ אַזאַ וואָרט פון לויב, וואָס זאָל זיין גענוג, כדי אויסצודריקן אָנערקענונג פאַר די מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען, כדי ווייט אין דער פרעמד צו פאַרשפּאַרן דעם וועג דעם בלוטיקן פאַשיזם.

זיי זענען געקומען פון אַלע לענדער, עס זענען געווען צווישן זיי פּאָליאַקן און יידן, פראַנצויזן און בעלגיער, ענגלענדער און אַמעריקאַנער, סקאַנדינאַווער און פון די מזרח־לענדער, לעטן און פינלענדער, טשעכן און אונגאַרן, פריער פאַר אַלעמען אָבער א גרויסע צאָל פון יענע, אין וועמענס לענדער עס האָט געבושעוועט דער פאַשיזם־דייטשן, עסטרייכער, איטאַליענער. עס איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַל פון פעלקער

ערב דער שלאַכט ביים טייך עבּראָ

א גרופּע פרייוויליקע פון דער באַטאַליאָן־קאָמפּאַניע

פאַראייניקט אין די דאָזיקע בריגאַדעס אין אַן אַלפעלקער פאָרם, וואָס איז נאָך ביזאיצט קיינמאָל נישט געווען. יידן פון פּאַלעסטינע, [illegible], כינעזער, קאַנאַדער און אפילו אַביסיניער [illegible] געשלאָגן. עס האָבן אויף דער זייט פון רעפּובליקאַנישער שפּאַניע געקעמפט [illegible] קע סאָוועטישע פליער און עטלעכע צענדליק סאָוועטישע אָפיצירן אין די שלאַכטן פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי.

אין רעזולטאַט פון דער פאַרברעכערישער נישט־אינטערווענץ־פּאָליטיק פון ענגלאַנד און פראַנקרייך איז די שפּאַנישע רעגירונג געצוווּנגען געווען [illegible] די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס פון עוואַקוירן זיי פון דער שפּאַנישער טעריטאָריע. אין דער זעלבער צייט, ווען די שפּאַנישע רעגירונג האָט טריי אויסגעפירט איר צוזאָג, איז דער פעלקער־ליגע, האָבן די דייטש־איטאַליענישע אינטערווענטן געבראָכן דעם אָפּמאַך און ווייטער געגעבן מיליטערישע הילף די פראַנקאָ־פאַרשווערער, דערטרינקענדיק אין בלוט שפּאַנישע רעפּובליק.

שווער איז געווען דער מאָמענט פון צעשיידונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס מיט זייערע שפּאַנישע קאַמפס־ברידער. פאַרלאָזנדיק די שפּאַנישע ערד האָבן זיי געגעבן א שבועה ווייטער פאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן דעם פאַשיזם, פאַר א פרייע שפּאַניע.

אין נאָוועמבער 1938 יאָר האָבן די פּוילישע פרייוויליקע פון דער רעפּובליקאַנישער שפּאַנישער רעפּובליק געשריבן:

„5 טויזנט אויסגעקליבענע זעלנער האָבן מיר געגעבן דער שפּאַנישער רעפּובליק. מיר האָבן געקעמפט אויף אַלע פראָנטן, אָנהויבנדיק פון אירון אין אויגוסט 1936 יאָר, ענדיקנדיק מיט דער עבּראָ־אָפענסיווע אין סעפּטעמבער 1938. מיט אונדזער בלוט האָבן מיר פאַרזייט די פעלדער אין די [illegible] ביי מאַדריד אין גוואַדאַלאַכאַראַ און אין צענדליקער אַנדערע שלאַכטן, אָבער קודם־כל אין דער עבּראָ־אָפענסיווע, ווי די איטאַליענישע און דייטשישע פאַשיסטן האָבן באַזונדערס דערפילט אויף דער אייגענער הויט די שווערע קעגנ[illegible] פון די [illegible] און זאַגלעמביע און שלעזיע, פון די אַרבעטער פון ביי־קאַרפּאַטן־געביט, פון די ווייסרוסישע און אוקראַיִנישע פּויערים, פון די יידישע אַרבעטער פון לאָדזש, וואַרשע און לוואָוו.

נישט אַלע קעמפער פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע האָבן באַוויזן זיך אומצוקערן קיין פּוילן. די גרעסטע מערהייט איז אינטערנירט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פראַנקרייך און צפון־אַפריקע. די וועלכע עס איז געלונגען זיך דורכצושלאָגן א וועג קיין פּוילן, האָבן זיך שפּעטער, בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, געשטעלט אין די רייען פון די ווידערשטאַנד־גרופּעס, געקעמפט קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט. די געקומענע אין 1943 יאָר פון די לאַגערן פון צפון־אַפריקע קיין ראַטנפאַרבאַנד, זענען אַריינגעטראָטן אין די רייען פון דער ערשטער פּוילישער אַרמיי, מיטמאַכנדיק דעם שלאַכט־וועג ביז בערלין.

„די זעלנער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס האָבן געקעמפט אויף די פראָנטן [illegible] פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, די, וואָס האָבן איבערגעלעבט, זענען נאָך דער באַפרייונג צוגעטראָטן שאַפן די פאָלקס־מאַכט און אויפצובויען דאָס לאַנד פון די חורבות. פיל פון זיי אַרבעטן ביזן היינטיקן טאָג אין [illegible] לטובת דעם היימלאַנד, לטובת דעם שלום אויף דער וועלט.

אברהם קוואַטעראַ

אונדזער טייערער שוועסטער און קרובה פרומע סאַמסאַנאָוויטש און איר טאָכטער קלאַרע, אונדזער טיפסטן מיטגעפיל צוליב דעם טויט פון זייער מאַן און פאָטער

לייזער סאַמסאַנאָוויטש

דריקן אויס די פאַמיליעס: ראָזענבאַום (לאָדזש, ישראל, אַמעריקע), אילינצקי (שוועדן), זאַיאַנץ, גאַפער, פערלשטיין, גאָלדמאַן (ישראל), באַר־באַט, זילבערבערג, קאַט, שיף, הענדלער (ראַטן־פאַרבאַנד).

נפתלי באָטווין — דער גרויסער העלד

א. קאַפּלאַן

דאָס יידישע פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַסך ווירדיקע זין, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן אין קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, פאַר גליק, פאַר שלום, פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

אומעטום, ווי עס האָט געפלאַקערט דער קאַמף קעגן אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג, דער קאַמף קעגן פרעמדע באַצווינגער און דער היימישע רעאַקציע, דאָרט, האָבן זיך געפונען אויף דער פאָדערשטער פּאָזיציעס יידישע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טריישאַפט און מסירת-נפש, געוואַגטקייט און העלמוט. גענוג דאָ אָנצורופן די נעמען פון הירש לעקערט, ברוך שולמאַן, שמואל ענגעל, נפתלי באָטווין.

וועגן די פּלעיאַדע יונגע רעוואָלוציאָנערן איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. דאָס פאָלק האָט וועגן זיי געשאַפן און געזונגען לידער.

מיר דערמאָנען דעם דאָזיקן אַלטן אמת באַזונדערס היינט, ווען געוויסע כוחות אין אונדזער לאַנד ווילן פאַרמינערן דעם העלדנמוט פון אונדזער פאָלק און פעלשן אומפאַרשעמט די געשיכטע.

נפתלי באָטווין איז אויך אין פּאַנטעאָן פון אונדזערע העלדן, געפאַלענע אין קאַמף פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

אויף באָטווינס נאָמען זענען אָנגערופן געוואָרן גאַסן און אינסטיטוציעס. זיין נאָמען האָט געטראָגן די העלדישע יידישע ראָטע אין שפּאַניע, וועלכע האָט איינגעשריבן איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין קאַמף פאַר פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק. מיט באָטווינס נאָמען אויף די ליפּן האָבן העלדיש זיך געשלאָגן די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָס, די פּאַרטיזאַנער פון די גאַליבאָקער וועלדער, די אסירים פון סאָביבאָרער שכטה-הויז...

צו דער יאָרצייט פון נפתלי באָטווינס העלדישן טויט, לאָמיר דאָ דערמאָנען זיין געוואַגטע טאַט, וואָס האָט אויפגערודערט די אַרבעטער-מאַסן פון פּוילן און פון דער גאַנצער וועלט.

* * *

דעם 17-טן יולי 1925 יאָר האָבן אויף דער לגאָדע-גאַס אין וואַרשע, אין מיטן העלן טאָג אָפּגעהילט רעוואָלווער-שאָסן. דאָס האָבן די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן וולאַדיסלאַוו היבנער, הענריק רוטקאָווסקי און וולאַדיסלאַוו קניעווסקי, זיך פאַרטיידיקט קעגן אַנפאַל פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי געשטערט אומשעדלעך צו מאַכן דעם פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט אָנגעטאָן גרויסע צרות דער פּאַרטיי פון אַרבעטער קלאַס — קפּפּ, אַרויסגעבנדיק אין די הענט פון דער פּאָליציי אירע בעסטע מענטשן. בעת דער שיסעריי זענען זיי געוואָרן פאַרוווּנדעט. מען האָט זיי אַלעמען אַרעסטירט און געשטעלט פאַר אַ שטאַנד-געריכט, וואָס האָט די דריי רעוואָלוציאָנערן פאַרמשפּט צום טויט. זיי זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער ציטאַדעל דעם 21-סטן אויגוסט 1925 יאָר.

די אויפגאַבע צו ליקווידירן דעם געפערלעכן פּראָוואָקאַטאָר האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען דער יונגער רעוואָלוציאָנער, דער קאַמאַשנמאַכער נפתלי באָטווין.

שוין צוויי יאָר ווי ער איז אַ מיטגליד פון קאַמיוג. דאָס שווערע לעבן, די נויט און עקספּלואַטאַציע האָבן ביים יונגן בחור פרי אויסגעפּרעגט דעם קלאַסן-באַוווּסטזיין. ער ווערט שנעל רייף, שליסט זיך אָן אין די רייען פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. באָטווין ווערט צו ערשט אַ מיטגליד אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די לעדער-אַרבעטער. גאַנץ שנעל רוקט ער זיך אַרויס אַלס איבערגעגעבענער און טרייער קעמפער פאַר דער זאַך פון אַרבעטער-קלאַס. צו 17 יאָר ווערט ער איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יוגנט-סעקציע. ער שטעלט זיך בראָש פון קאַמף פאַר פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אַרבעטער-יוגנט.

פּוילן איז דאַן אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. די אַרבעטער און פּויערים, די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, קעמפן פאַר זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט. אין לאַנד קומען פאָר צאָלרייכע און מאַסנהאַפטע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס. דער גענעראַל-שטרייק פון די קראָקעווער אַרבעטער וואַקסט אויס צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער אַרבעטער-קלאַס שטרעבט איבערצונעמען די מאַכט אין זיינע הענט און אַ סוף צו מאַכן צו דער ממשלה פון דער „ביענאַ-פּיאַסט".

אַלס ענטפער אויפן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון די מאַסן טרעטן צו די בורזשואַזער מאַכט-אָרגאַנען צו אַ גענעראַלן אַטאַק אויפן אַרבעטער-קלאַס און זיין פּאַרטיי — די קפּפּ. עס הייבן זיך אָן מאַסן-אַרעסטן פון די בעסטע זין און טעכטער פון פּוילישן אַרבעטער-קלאַס. די תפיסות ווערן פאַרגולט מיט רעוואָלוציאָנערן. די אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס ווערן דערטרונקען אין בלוט. עס הייבט אָן הוליען דער ווייסער טעראָר קעגן אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, דעמאָקראַטיש. אין לאַנד ווערן איינגעפירט שטאַנד-געריכטן, אָבער דאָס אַלץ העלפט ווייניק דער בורזשואַזיע. דער רעוואָלוציאָנערער כוח וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

די פּוילישע רעאַקציע גייט איבער צו די סאַמע ראַפינירטסטע מעטאָדן פון פּראָוואָקאַציע און שפּיאָנאַזש. זי שיקט אַריין אין די רייען פון קפּפּ פּראָוואָקאַטאָרן, בכדי צו צעברעכן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון אינעווייניק. איינער פון די געפערלעכסטע פּראָוואָקאַטאָרן צו יענער צייט איז געווען צעכנאָווסקי. אַדאַנק זיינע מעשים ווערן צענדליקער און הונדערטער בעסטע טוער פון דער באַוועגונג פאַרשפּאַרט אויף יאָרן-לאַנג אין תפיסה.

די פּאַרטיי באַשליסט אים אומשעדלעך צו מאַכן.

* * *

ווען צעכנאָווסקי איז דעם 28-סטן יולי 1925 אַרויס פון דער לעמבערגער געריכט-געביידע אויפן טריבונאַלסקי-פּלאַץ, האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ קליינגעוואַקסיקער, אויסגעדאַרטער יידישער בחור, וועלכער האָט גוט געצילט און געטראָפן מיט דער קויל אין ברוסט פון דעם פאַררעטער. הגם צעכנאָווסקי איז שוין געווען טויט, האָט אים באָטווין דערלאַנגט נאָך עטלעכע קוילן, כדי אינגאַנצן צו זיין זיכער, אַז ער האָט זיין חוב דערפילט. אָבער דאָס האָט אים אויפגעהאַלטן לענגער, ווי ס'איז נייטיק געווען. פון דער צעשראָקענער מענטשן-מאַסע אויף דער גאַס האָבן זיך דערהערט רופן: „כאַפּט אַ מערדער". באָטווין, וועלכער האָט נאָך געקאָנט אַנטלויפן איז שטיל געבליבן און דערקלערט, רואיק די פאַרזאַמלטע: „איך בין נישט קיין מערדער, איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, איך האָב דערהרגעט אַ פּראָוואָקאַטאָר!".

דער יונגער העלד איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שטאַנד-געריכט, וואָס האָט אים פאַרמשפּט צום טויט.

די גאַנצע דעמאָקראַטישע פּרעסע איז פול געווען מיט באַשרייבונגען, וועגן דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין לעמבערג, אין די טעג פון 28-סטן יולי ביזן 6-טן אויגוסט 1925. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען אונטערן איינדרוק פון באָטווינס דרייסטע טאַט. אומעטום, אין אַלע קרייזן איז זי געווען די טעמע פון טאָג. די פרימאָרגן-צייטונגען און נאָכמיטאָג-בלעטער האָט מען ממש צעכאַפּט פון די קיאָסקן, גלייך ווי זיי האָבן זיך באַוויזן. יעדער האָט מיט געוואַלדיקן אינטערעס נאָכגעפאָלגט די געשעענישן.

דער לעמבערגער קאָרעספּאָנדענט פון דעם וואַרשעווער „מאָמענט" האָט געשריבן וועגן די צוגרייטונגען צום שטאַנד-געריכט:

„פון באַלד אינדערפרי האָט זיך אַרום דער גאַס, וווּ דאָס געריכט געפינט זיך, אָנגעהויבן זאַמלען גרויסע פּאָליציי-פּאַטראָלן, געהיים-אַגענטן און העכערע פּאָליציי-קאָמיסאַרן און אָפּגעשלאָסן דעם דורכגאַנג צו דער געביידע, וווּ דער פּראָצעס דאַרף פאָרקומען.

פּינקטלעך 10 אינדערפרי ווערט באָטווין געבראַכט אין געריכט אַריין נישט דורך דעם פראָנט-אַריינגאַנג, נאָר דורך אַ הינטער-טיר.

צוליב מורא פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן איז פאַר די געריכט-פאַרהאַנדלונגען באַשטימט געוואָרן אַ קליינער זאַל.

נפתלי באָטווין פאַרנעמט אָרט אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק. ער איז קליין-געוואַקסיק. אַ טונקל-בלאָנדער מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר. ער מאַכט דעם

איינדרוק פון אַ 15-יאָריקן בחור'ל. זיינע באַוועגונגען זענען זייער נערוועזע. געקליידט איז ער אַזוי, ווי אין טאָג פון אַטענטאַט, אין אַ גרויען אָפּגעטראָגענעם אַנצוג.

וועגן פאַרלויף פון פּראָצעס דערציילן די קאָרעספּאָנדענטן פון אַנדערע צייטונגען פון יענע טעג:

„באָטווין ענטפערט רואיק און באַהערשט אויף די פראַגן פונעם פאָרזיצער, וואָס שייך די פּערסאָנאַליען". דערנאָך דערקלערט ער: „מיין פאָטער געדענק איך נישט. ער איז געשטאָרבן, ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר. מיר זענען געבליבן 6 יתומים. די מוטער האָט שווער געאַרבעט, כדי צו קאָנען אונדז דערציען. צוליב דער גרויסער נויט, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן די שול און פאַרנעמען זיך מיט גאַסן-האַנדל, מיט פאַרקויפן פּאַפּיראָסן. אין עלטער פון 13 יאָר הייב איך אָן צו אַרבעטן אַלס לערן-יינגל אין אַ שוסטער-וואַרשטאַט. פון 1932 בין איך טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".

אויף דער פראַגע פון פאָרזיצער, צי ער איז זיך מודה אין אויספירן דעם אַטענטאַט, ענטפערט באָטווין: „יאָ". עס איז אים אַ רחמנות אויף צעכנאָווסקין, אַלס מענטש, ער האָט אָבער נישט קיין חרטה, וואָס ער האָט אים געשאָסן, ווייל ער האָט אומשעדלעך געמאַכט אַ פּראָוואָקאַטאָר. „איך האָב געוווּסט, וואָס מיך דערוואַרט! — האָט באָטווין אויסגערופן. אָבער אַלס אידעישער מענטש, אַלס דיסציפּלינירטער פּאַרטיי-חבר האָב איך אויסגעפירט מיין פליכט, די פליכט לגבי דעם אַרבעטער-קלאַס".

עס ווערן איבערגעלייענט די מיטטיילונגען פון דער פּאָליציי וועגן דעם אופן פון אויספירן דעם אַטענטאַט. די מעלדונג פאַר דער אויספאָרשונג, און עס ווערן אויסגעהערט די צוויי אַגענטן, וואָס האָבן פאַרהאַלטן באָטווינען אויפן טריבונאַלסקי-פּלאַץ, גלייך נאָכן אויספירן דעם געוואַגטן אַקט. נאָך אַ באַראַטונג פונעם געריכט מעלדעט דער פאָרזיצער, אַז נפתלי באָטווין איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען. היות עס איז נישט געווען קיין תליין, וועט דער אורטייל אויסגעפירט ווערן דורך שיסן.

די פאַרטיידיקער האָבן אַריינגעטראָגן אַ ביטע וועגן באַגנעדיקן, מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, וואָס באָטווין האָט זיין אַטענטאַט אויסגעפירט צוליב אידעישע מאָטיוון און וואָס ער איז מינדעריעריק.

נפתלי באָטווין איז איבערגעפירט געוואָרן אין אַן איינצלקאַמער און מ'האָט אים דערלויבט זיך געזעגענען מיט דער פאַמיליע. געקומען זענען בלויז די מוטער און צוויי יינגערע שוועסטער. אין קעגנוואַרט פון זיינע נאָענטסטע האָט זיך נפתלי באָטווין געהאַלטן זייער רואיק. געטרייסט די מוטער און שוועסטער און געבעטן זיי נישט וויינען.

(המשך זייט 9)

א פּוילישע צייטונג וועגן ביאַליסטאָקער געטאָ-אויפשטאַנד

(סוף פון זייט 2)

די אונטערגענומענע אין דער גענעראַל-גובערניע עקסטערמינאַציע-אַקציע קעגן די יידן איז שיפרירט געוואָרן אונטערן קריפּטאָנים „איינזאַץ ריינהאַרד". זי איז רעאַליזירט געוואָרן עטאַפּנווייז, וואָס האָט יעדעס מאָל געשאַפן די אילוזיע, אַז נישט אַלע זענען פאַרמשפּט אויף אומקום.

ענלעך איז געווען אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן, ווי אין אָנהייב איז מען צוגעטראָטן צוליקווידירן די געטאָס און קלענערע יידישע ישובים. אַלץ ברייטער איז געוואָרן באַקאַנט וועגן מאַסן-מאָרדן פון יידן אין טרעבלינקער פאַרניכטונגס-לאַגער און נישט געקוקט אויף דער שטעלונג פון יודענראַט, נישט צו רייצן די דייטשן, איז אונטערגענומען געוואָרן אַן אַקציע צו אָרגאַניזירן אין געטאָ אַ ווידערשטאַנד.

אַן איינפלוס אויף די שטימונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן געהאַט די געשעענישן אין וואַרשע. דאָס שאַפן דאָרט אַן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און שפּעטער — די יידישע קאַמפס-אָרגאַניזאַציע.

אין נאָוועמבער 1942 איז דעלעגירט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער געטאָ דער מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר מיליטערישע פראַגן — פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט — מרדכי טענענבוים (טאַמאַראָף). שוין אין דער צייט האָבן די קאָנספּיראַטאָרן פון געטאָ אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק, און אויך מיט דער א.ק. די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע אין געטאָ איז געשאַפן געוואָרן אָנהייב 1942 יאָר — אין מערץ דעם זעלבן יאָר איז געקומען די פאַראייניקונג פון שומרים, קאָמוניסטן און לינקע בונדיסטן אינעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

דער פּראָצעס פון אָרגאַניזירן זיך אין דערמאָנטן געטאָ איז פאַרגעקומען אין באַדינגונגען פון פאַרשטאַרקטן טעראָר מצד דעם אָקופּאַנט. שוין אין טאָג פון 16-טן סעפּטעמבער 1941 יאָר האָט דער פּאָליציי-פּרעזידענט פון ביאַליסטאָק אויגן דאָרש, אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג בנוגע עוואַקואירן די יידן קיין פּרושאַן. עס זענען דאָרט אויסגעזידלט געוואָרן בערך 4 טויזנט פּערזאָן נישט באַשעפטיקטע אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, הויפּטזעכלעך זקנים, פרויען און קינדער. כמעט אַלע דעמאָלט אויסגעזידלטע זענען אומגעקומען אין רעזולטאַט פון דער ליקווידאַציע פון פּרושאַנער געטאָ, דעם 31-סטן יאַנואַר 1943. דאַקעגן דעם 31-סטן דעצעמבער 1942 זענען אויפן פּלאַץ, ביים יודענראַט, אויפגעהאַנגען געוואָרן 3 יידישע אַרבעטער פון דער אייל-פאַבריק פאַר צונעמען אַ זשמעניע סעמיטשקעס.

סוף יאַנואַר 1943 האָט די מאַכט איבערן געטאָ איבערגענומען די געסטאַפּאָ אָרגאַניזירנדיק אין די טעג פון 5—12 פעברואַר — זיין טיילווייזע ליקווידאַציע. דעם 5-טן פעברואַר באַגינען זענען די היטלעריסטן אַריין אין געטאָ און אַרויסגעטריבן די יידן פון די הייזער, אָפטמאָל גאַנצע משפּחות. דערנאָך האָט מען זיי געטריבן צו דער באַן-סטאַציע, שלאָגנדיק זיי אויפן וועג. די מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אָדער האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס געטאָ זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט. מען האָט אויך דורכגעפירט אין געטאָ מאַסן-עקזעקוציעס. שוין דעמאָלט האָבן די יידן געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד; איינער פון די יידישע קעמפער יצחק מאַלמעד, נישט האָבנדיק קיין געווער, האָט באַגאָסן די זשאַנדאַרמען מיט שוועבל-זויער. מען האָט אים אויפגעהאַנגען דעם 8-טן פעברואַר ביים יודנראַט.

די טיילווייזע ליקווידאַציע פון געטאָ האָט געבראַכט 10 טויזנט קרבנות.

צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע זענען די דייטשן צוגעטראָטן דעם 15-טן אויגוסט 1943. אויף אָננעמען דעם דאָזיקן באַשלוס און אים פאַרשנעלערן האָט אָן ספק געהאַט אַן איינפלוס דער ראַפּאָרט פונעם אָנפירער פון ס"ס און פּאָליציי פון לובלינער דיסטריקט, אָדילאָ גלאָבאָצניק, וועגן אויסמאָרדן די יידן אין דער גענעראַל-גובערניע. אים האָט מען אָנפאַרטרויט די ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ. עטלעכע טעג פאַר דער אַקציע איז ער פאַרזענלעך געקומען קיין ביאַליסטאָק, צוזאַמען מיט אים האָט זיך באַוויזן אַ באַטאַליאָן דייטשישע פּאָליציי און צוויי באַטאַליאָנען ביאַליסטאָקער געהילפס-פּאָליציי.

אין דער נאַכט פון 15-טן אויפן 16-טן אויגוסט איז דאָס געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. די דייטשן האָבן באַזעצט אַלע פאַבריקן, בכדי נישט דערלאָזן זיי צו פאַרניכטן. ריכטנדיק זיך אויף אַ ווידערשטאַנד, האָבן זיי באַנוצט אין דער אַקציע טאַנקען. ווען די דייטשישע אָפּטיילן זענען אַריין אין געטאָ, זענען די יידישע קעמפער צוגעטראָטן צו דער אַקציע. אין הסכם מיטן צוגעגרייטן פּלאַן האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אויף דער סמאָלנע-גאַס, ווי זיי האָבן געוואָלט צעברעכן דעם געטאָ-פּאַרקאַן און אַרויספירן די יידישע באַפעלקערונג פון געטאָ אין דער קנישינער פּושטשע. דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער נישט געלונגען, ווייל די דייטשן האָבן באַזעצט די לענג פון דער באַן-ליניע, מאַכנדיק אוממעגלעך דאָס אַרויסבאַקומען זיך אין וואַלד אַריין. די יידישע קעמפער האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויף דער יוראָוויעצקער, נאָוואָגראָדזקע, טשעפּלע און כמיעלנע-גאַסן, ווי זיי האָבן פון פריער צוגעגרייטע בונקערס און באַהעלטענישן געשטעלט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד.

די אויפשטענדלער האָבן אין געטאָ געהאַט בלויז 25 ביקסן און אַן ערך 100 רעוואָלווערן. די דייטשן האָבן ביסלעכווייז דערשטיקט דעם ווידערשטאַנד פון נישט גרויסע גרופּן, און דערנאָך אַרויסגעטריבן פון געטאָ אַלע יידן, זיי האָבן זיי געטריבן מחנותווייז דורך דער שענקעוויטש און וואַשילקאָווער-גאַסן און פון דאָרט צום באַן-וואָקזאַל ביאַליסטאָק-פאַבריטשני. מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זיי פאָרן אויף אַרבעט אין אַנדערע ראַיאָנען פון לאַנד. אין דער אמתן האָט מען זיי פאַרשפּאַרט אין דעם פאַרניכטונגס-לאַגער טרעבלינקע. גלייכצייטיק האָט נאָך אין געטאָ געדויערט די ליקווידאַציע פון די רעשטלעך יידישע קעמפער, וואָס האָבן נאָך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

לייזונגען מיט פּאָליטישע מיטלען — אין די אינטערעסן פון ישראל

י. ליפּסקי

דער מדינה-פּרעזידענט האָט אָנגעהויבן געשפּרעכן מיט פאַרשטייער פון די פּאַרטייען, וועלכע האָבן זייערע פאַרשטייער אין דער 10-טער כנסת און מ. בעגין האָט שוין אָנגעהויבן די אַרבעט פון פאַרמירן אַ רעגירונג מיט די קאָאַליציע-פּאַרטייען, וואָס האָבן צוגעשטימט צו קאָאָפּערירן מיט אים. ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז נישט אַזוי לייכט. די דריי רעליגיעזע פּאַרטייען, וואָס זענען אַרויס שטאַרק אָפּגעשוואַכטע פון די וואַלן, רוקן אָבער אַרויס גרויסע פאָדערונגען. אויך דער ראָש פון די גדולה התורה איז געוואָרן אַ צד אין די קאָאַליציע-פאַרהאַנדלונגען, זיי ווייסן, אַז אָן זייער שטיצע וועט בעגין נישט קענען פאַרמירן אַ רעגירונג — רוקט מען אַרויס פאָדערונגען וועגן באַשליסן „ווער ס'איז אַ ייד", וועגן שטרענגער אָנווענדן דאָס געזעץ וועגן שבת, וועגן פאַרגרעסערן סובסידיעס פאַר ישיבה-בחורים א״אַנד און דערביי פאָדערט מען מיניסטאָרן-בענקלעך און אַרום זיי האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה-ממש צווישן די רעליגיעזע פּאַרטייען. די רעליגיעזע גרופּע תמ"י (מיטן הרב אבו חצירא בראש, וועלכער איז קוים אַרויס פון איין פּראָצעס און שטייט פאַר אַ צווייטן פּראָצעס אונטער דער באַשולדיקונג פון געלט-דעפּראַדאַציעס א״אַנד) מיט דריי דעפּוטאַטן פאָדערט צוויי מיניסטאָרן-בענקלעך און דערין דאָס רעליגיע-מיניסטעריום, וואָס די אַנדערע רעליגיעזע פּאַרטיי (מפד"ל) פאָדערט פאַר זיך... אחוץ דעם פאָדערט די דריי-פּערזאָניקע דעפּוטאַטן-פראַקציע (תמ"י) דאָס אַגריקולטור-מיניסטעריום, וואָס ווערט אויך געפאָדערט דורכן פירער פון די ליבעראַלן אין ליכוד, שמחה ערליך, וועלכער איז קעגן נאָכגעבן די רעליגיעזע פאָדערונגען...

מיינונגס-פאַרשידנקייטן זענען פאַראַן אַרום דער קאַנדידאַטור פון עקסטרעם-רעכטן ביזאַיצטיקן אַגריקולטור-מיניסטער אַריק שאַרון, וועלכער איז אַ פלאַמיקער אָנהענגער פון קאָלאָניזאַציעס אויף די אָקופּירטע געביטן אויפן אַמט פון זיכערהייט-מיניסטער. די קעגנערשאַפט צו דער דאָזיקער נאָמינאַציע אין דער פריערדיקער רעגירונג האָט באַוואויגן מ. בעגינען איבערצונעמען אויף דעם דאָזיקן אַמט, ווייל אַריק שאַרון איז געווען קעגן איבערגעבן דעם דאָזיקן אַמט צו אַן אַנדער קאַנדידאַט...

מען שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי וועט מ. בעגין באַוויזן אַרויסצופלאָנטערן זיך פון דעם דאָזיקן קנויל פאַרזענלעכע און גרופּן-אינטערעסן, ווען אויפן טאָג-אָרדענונג שטייען אַזעלכע האַרבע פּראָבלעמען... מ. בעגין האָט שוין אַפילו געדראָט מיט נייע וואַלן... דערווייל האָט שוין דער יקרות אָנגעהויבן בושעווען. אַלע קינסטלעכע פאַרוואַל — העמונגען ווערן צוביסלעך נאָכגעלאָזן... צענדליקער פּראָדוקטן זענען שוין טייערער געוואָרן... מען זאָגט שוין אָן מאַסן-קינדיקונגען און די הסתדרות האָט שוין דערקלערט, אַז „מיר וועלן רעאַגירן קעגן אַ דראַסטישע רעדוקציע פון סובסידיעס" („על המשמר", יולי 13)...

דער אַמעריקאַנער ספּעציעלער פאַרשטייער פאַרן מיטעלן מזרח פיליפּ האַביב געפינט זיך אין ראַיאָן און ער פּרוּווט אָפּשוואַכן די שטייגנדיקע אַנטי-אַמעריקאַנער שטימונגען אין ראַיאָן און פאַרגלעטן די מיינונגס-פאַרשידנהייטן און רייבונגען צווישן די אַראַבישע מדינות און צווישן עטלעכע פון זיי מיט ישׂראל, איבערלאָזנדיק נישט געלייזט די הויפּט-פּראָבלעמען אין ראַיאָן, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג שווערער... דערווייל האָט די איבערגאַנגס-רעגירונג פון מ. בעגין אָנגעהויבן באָמבאַרדירן פּליטים-לאַגערן אין לבנון, זאָרגנדיק דערביי נישט אַריינצודרינגען אין ראַיאָן פון דער ווירקונג פון די סירישע ראַקעטן. רעאַגירנדיק דערויף איז פון דער לבנונער טעריטאָריע באָמבאַרדירט געוואָרן די גרענעץ-שטאָט קרית שמונה. ס'זענען צום גליק נישט געווען קיין קרבנות, ס'זענען אָבער געווען שווערע שאָדנס.

דער מדינה-פּרעזידענט האָט נעכטן צווישן אַנדערע באַזוכט די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז אַ טאָג פריער באָמבאַרדירט געוואָרן. דער פּרעזידענט איז אויפגענומען געוואָרן זייער האַרציק אָבער דערביי האָט ער געהערט זייער שטאַרקע טענות מיט פאַרביטערונג, הלמאי די רעגירונג זאָרגט נישט וועגן דער דאָזיקער שטאָט, וואָס שטייט אונטער דער כסדרדיקער געפאַר באָמבאַרדירט צו ווערן... דער פּרעזידענט האָט צו״אַנד באַזוכט אַ פאַמיליע פון 11 נפשות, וואָס וווינט אין אַ קליינע און ענגע דירה און דערביי זענען נישט פאַראַן די נויטיקע שוץ-קעלערן פאַר אַזאַ שטאָט... דער פּרעזידענט האָט אין שאַרפע ווערטער קריטיקירט די דאָזיקע נאַכלעסיקייט... זאָלן די געהעריקע מיניסטאָרן אַהערקומען אין דער שטאָט אויף אַ טאָג-צוויי און העלפן לייזן די פּראָבלעמען...

דאָס באָמבאַרדירן לבנון דורך דעם ישׂראלדיקן פלי-פלאָט האָט דערביי אַרויסגערופן קריטיק. מען דערמאָנט דערביי, אַז ערב די וואַלן, דעם 10-טן מאַי, האָט מ. בעגין פייערלעך צוגעזאָגט, אַז ס'וועלן מער נישט פאַלן קיין קאַטיושעס אין קרית שמונה... דער „הארץ" (יולי 13) קריטיקירט שאַרף דאָס ישׂראלדיקע באָמבאַרדירן לבנון, שרייבנדיק, אַז: „די אמתדיקע באַדייטונג פון דעם, וואָס ס'איז געשען אין צפון איז אַ באַווייז, אַז ס'איז נישט פאַראַן אַן אומזיסטע מלחמה. די אַטאַק קעגן די דיווערסאַנטן (אין לבנון), מיט די דערגרייכונגען און פאַרצוגן, דאַרף מען מעסטן מיטן פּרייז, וואָס עמיצער צאָלט דערפאַר — אין דעם פאַל די איינוווינער פון קרית שמונה. דאָס זעלבע באַציט זיך צו די סירישע ראַקעטן: בעגין זאָגט צו צו באַזייטיקן זיי אָן ווייטיקן. מיר האָפן, אַז מיר האָבן עפּעס געלערנט: אַפילו ווען מ. בעגין וועט איבערגעבן אַריק שאַרון דאָס זיכערהייטס-מיניסטעריום, וועט ער אַלץ איינס טראָגן די אחריות פאַר די פעלערן ביים אויסרעכענען פאַר יאָ אָדער נישט אויספירן מיליטערישע אַקציעס" („הארץ", יולי 13).

ענלעכע שטימען הערן זיך אין פאַרשידענע קרייזן, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט דער אַנטוויקלונג אין ראַיאָן און אויף דער וועלט, אַז ס'שטייגט די קעגנערשאַפט צום אָנווענדן מיליטערישע אַקציעס, מיליטערישע לייזונגען, וואָס קענען זיין ביז גאָר געפערלעך אין דער ערשטער ריי פאַר ישׂראל. מען זעט בולט איין, אַז אין לבנון קומט פאַר אַ געוויסע סטאַביליזאַציע.

דערביי שטאַרקט זיך די פאָדערונג וועגן ענדערן דעם גאַנצן פּאָליטישן געדאַנקנגאַנג פון לייזונגען מיט מיליטערישע אַקציעס אויף לייזונגען מיט פּאָליטישע מיטלען, וואָס איז אין די לעבנסוויכטיקסטע אינטערעסן פון ישׂראל.

ליטעראַטור און קונסט

אַרנאָלד סלוצקי (אהרן קריינער) *)

יידישע לידער

האַרבסט

האַרבסט!
רייס נישט די צווייגן פון דער קראַנקער בערעזע,
ווייל כ׳וועל זיך פאַרגלייכן צום שיכור,
וואָס וויגנעט דעם ווייב אויס די גלידער!...
האַרבסט!
צעפּאָבע נישט די רויטקייט פון פלאַמיקע בלעטער,
ווייל ווי זיי בין איך צעריסן אויף שטיקער —
און ווען וועל איך פאַרוואַקסן זיך ווידער?...
אָ, בלוטיקער, האַרבסטיקער פיבער!...
אין אַ הויפן פאַרוויאַנעטע בלעטער,
ווי אַ טויטע, אויסגעצופּטע קראָ,
ליגט אַ דערוואָרגענע מיין געהאַפטע, אָפּגענאַרטע שעה...

טרויס! קום צו גיין!

טרויס! קום צו גיין און רייס מיך ביי די האָר,
ווייל ס׳האָט די שטאָט מיך אַזוי גראָ געמאַכט!...
טרויס! קום און לייז מיך אויס פון רויער וואָר,
און זאָלן דעמבעס מיט גרין־צווייגיקן געפּאָך — באַזומערן
מיין קאַלטע ווינטער־נאַכט!...

טרויס! קום צו גיין און רייס מיך בא די האָר,
זאָל דיין קוש מיך טאָן אַ ברי, ווי אַ צעפּלאַמטע,פייערדיקע רוט.
אין גליענדיש, אין פלאַמיקן באַגער, וועק מיר אויף דעם
סאָלאָוויען־כאָר,
וואָס אַ קאַלטע, גראָע ווינטער־נאַכט האָט געשאָכטן אין מיין בלוט!

צום פאַרשטאַנד

ווייסער! ליכטיקער פאַרשטאַנד!
דו ביסט ווי שניי...
ס׳איז גוט, ווען ער פאַלט אין חודש פעברואַר,
און דעקט די האַרעבאַטע ביימער צו...
ס׳איז טרויעריק, און בייז, און אומגערעכט,
ווען ער פאַלט אַראָפּ אויף בלוטיקע קאַשטאַנעס,
וואָס פיבערן אין אַלולדיקע נעכט...
ווייסער, לויטערער פאַרשטאַנד!
דו ביסט ווי שניי
אַראָפּגעפאַלן
אויף מיין בלאָנדער, האַרבסטנדיקער יוגנט!...

נתן־דוד קאַרמאַן

קינדער אין אַטלאַנטאַ

נים בלויז דערפאַר וואָס כ׳בין אַ ייד,
ווייטיקט מיר דאָס האַרץ
פאַר די שוואַרצע קינדער,
אומשולדיקע,
דערמאָרדעטע אין אַטלאַנטאַ.
נאָר דערפאַר, וואָס כ׳בין
אַ מענטש,
ציטערן די הענט —
און ס׳פלאַמט דאָס פנים מיר
פאַר חרפה —
נאָר דערפאַר ווייל ס׳איז
דער מענטשן־מין נאָך דורכגעפוילט
מיט פסיכאָפּאַטן־ראַסיסטן,
וועלכע נערן זיך אויף מאָרדן,
האַסן,
און פאַנגען שוואַרצע קינדער
פון די גאַסן
אויף צו פאַרגוואַלדיקן
און מאָרדן.
צו דערשטיקן און דערטרינקען...
ניטאָ קיין שיעור שוין
צו בלוטיקע פאַרברעכנס
אַ מענטש, אַ ראַסיסט קאָן זינקען...
איך וויין מיט אייך צוזאַמען —
מיט יעדן שוואַרצן טאַטן,
מיט יעדער שוואַרצער מאַמע
פון אומגעבראַכטע קינדער
אין אַטלאַנטאַ...

פּילאָ. מערץ, 1981

*) געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פון 20־טן יאַנואַר 1939.

דאָס לירישע געזאַנג פון אַן אייגנאַרטיקן דיכטער

שלום שטערן

די לידער פון אברהם גאַנטאַר*)

פאַראַן אייניקע באַגאַבטע יידישע פּאָעטן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, און אברהם גאַנטאַר איז היינט דער לירישסטער פאַרשטייער פון דער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע. אברהם גאַנטאַר איז פון די פּאָעטן, וואָס וויל זיך לאָזן דערקענען אין געמיט פון אייגענעם ליד, מחמת איטלעכער האָט זיין וועג, דאָס באַבעלע, די כוואַליע, זיי וויסן וווהין זיי גייען. אויך „דאָס וואַסער איז לויטער־ריין אין דער פינצטערניש פון ברונעם". און אברהם גאַנטאַר אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז. „נאָר בלויז דעם וועג צו זיך אַליין כ׳האָב נישט געפונען". דאָס איז דאָס שווערסטע צו דערוויסן זיך, דעם נישט־אויסגעטראָטענעם וועג צו דער אייגענער געפיל־וועלט.

און אין זיין אָריגינעלן מעטאַפאַר: „אַז אין דער פינצטערניש פון ברונעם לויטערט דאָס וואַסער", גיט ער אָנצוהערן, אַז געוויס, וועט ער פון אַלע טונקלעניש אַרויס, און ער וועט שפּרייזן אויפן זון־באַליכטענעם וועג, מחמת דער אומרו אין אים קלויבט בעסער אויס „בלאָנקען און זוכן, וואָגלען איינגעשפּאַרט". וואָרום: „נישטאָ קיין גליק, אויב ס׳איז געשאָנקען, אויב האָסט אַליין עס נישט געבראַכט". דערווייל, אין זוכן דעם וועג, האָט ער אַריינגעבראַכט אין שייער פון דער יידישער דיכטונג פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס זענען אַ צירונג פאַר אים און פאַר דער אַלגעמיינער יידיש־קינסטלערישער שעפערישקייט.

פּאָלפאַרביקע טעמאַטיק

יאָ, וואָס איז די טעמאַטיק פון זיין פּאָעזיע? ער האָט תיכן און זוכט תכלית אין זיין ליד. ער אַז פילאַרטיק, און ממילא פּאָלפאַרביק אין זיינע זשאַנרען.

אברהם גאַנטאַר האָט ליב די לאַנדשאַפטן פון זיין געבוירנלאַנד. דער בוים, דאָס גראָז, און דעם ווינט, וואָס בלעטערט דעם וואַלד, זענען פאַר אים נישט קיין דוממים. זיי רעדן צו אים און ער פאַרטרויט פאַר זיי זיינע בענקשאַפטן און באַגערן. ווען ער געפינט זיך אין דער רו פון דער שטילער חלומדיקער וועלט, ווערט ער אַרומגענומען פון אָט דער פאַרסידעטער שלוה, אַז ער וויל זיין דאָרט מיט זיך אַליין, און גאַבן אַ:

זאָל די ווערבע
גרינג זיך הוידען
מיט דער סאָזשעלקע זיך סודען
שטיל, געהיים".

די פּערזן דינען [illegible] די [illegible] בילדלעכע ווערטער [illegible] ליטעראַ [illegible] טיק פּאָעט וואָס ווייסט אַז אויך אינדז זיין עטמעס [illegible] מיר וועלן שטיין און שטיינען אויף דער ווערבע ביי דער סאָזשעלקע, וואָס סודעט זיך מיט דער גרינער שטיל:

„כ׳וויל היינט קיינעם נים
באַגעגענען,
זיך מיט קיינעם ניט געזעגענען —
זיין מיט זיך אַליין.
זאָל די ווערבע גרינג זיך הוידען,
מיט דער סאָזשעלקע זיך סודען
שטיל, געהיים.
אויפן פייכטן גראָז דעם טיפן,
פונם ווינט געשליפט, געשליפן,
ליגט אַ טוי.
וועל איך אין דער ראָסע בלאַנקען
באַרוועס אויף דער קילער לאַנקע
גלאָט אַזוי".

דאָס מיינט נישט, אַז אברהם גאַנטאַר איז תמיד אַריינגעצויגן אין די איבערלעבענישן פון ליבע. נאַטירלידער יכדומה אַזעלכע יחידישע, צאַרט־ריטמישע, מוזיקאַלישע פערזן. אין ציטערדיקער פערזן־ניואַנסירונג, קערט ער זיך צוריק אום צו די יאָרן, ווען די היטלעריסטישע מאָרד־חילות האָבן פאַרטיליקט אינדזער פאָלק, ער שילדערט נישט דעם חורבן מיט אַ האַרץ דורכגעזאַפּט מיטן טרויער פון בענקשאַפט, שטייט ער: „ביים דענקמאָל פון באַבי יאַר". און עס לויכט־אויף אין אים דער יונגער פאַרליבטער אַמאָל. אַ בלימל דערמאָנט אים אין איר, וואָס ליגט אין דער טיף פון יענער גרוב, צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידן אין נישט־יידן.

„אין איילעניש, אין מענטשלעכן
גערוימל,
אין טומל, אין געדראַנג און אין
גערויש,
עס טרעפט, ס׳פאַרהאַלט דאָס אויג
זיך אויף אַ בלימל
ביי דער פאַרקויפערין אין קויש.

און אַלץ פאַרשווינדט ווי אַ כישוף,
און דו דערזעסט זיך פלוצלינג
אינעם פעלד,
אַ סטעזשקע צווישן קאָרן פירט
צו ישוב,
וואָס איז אַמאָל געווען דיין גאַנצע
וועלט.
אָט גייט זי, ניין זי שוועבט
אַ גרינגע,

איר קוישעלע איז פול מיט גרינס,
און אין די האָר מיט דורכזיכטיקע
פינגער
זי שטעקט אַריין אַ בלימעלע אַ
דינס".

דאָס שוידער־בילד פון חורבן באַשרייבט ער נישט, אָבער די געהאַמעוועטע ווערטער קלאַנג, „אַז זיין טרוים איז דאָ פאַרשווונדן מיטן גאַנצן פאָלק". פון ווייטיק זענען די טרערן, ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אויג, אָבער איטלעך וואָרט וויינט אין זיך, פאַר זיך:

„ווו ביסטו איצט, מיין טרוים,
מיין שיינער.
איך ווייס, איך ווייס, אין באַבי יאַר.
עס שרייען גוואַלד דאָרט דיינע
ביינער,
און איך וועל בלינד און טויב
דערפאַר".

אויך אין זיינע ליבע־מאָטיוון, וואָס זענען אָפט געשריבן אין פאָרם פון פאָלקס־געזאַנגען, טרעפט אין טרויער די בענקשאַפט פון דער געליבטער נאָך איר ליבן, וואָס מען ווייסט אפילו נישט ווו זיין געביין איז באַגראָבן געוואָרן. זי וואַרט אויף אים. ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט צו איר זיך אומקערן. ווערט זי פון הייטיק [illegible] אים זוכן... אין די [illegible] די [illegible] אין [illegible] געשריבן:

„בעטגעט, איך לויף באַגלייט אין
דרויסן
הער פון ביין דאָס זשומען,
[illegible], ביינען הוישן —
וואַרט איך דו זאָלסט קומען.
- - - -
איך אַ וועלכן פעלד, צי לאַנקע
רוען [illegible] ביינער
שטערן אינם הימל בלאַנקען,
נאָר עס ענטפערט קיינער.
ס׳פאַלן שטערן, קרייזן איבער
הימלדיקע הוימען.
און די נעכט איך שעפּטשע, ליבער,
טויזנט מאָל דיין נאָמען".

בעת מען ליינט זיך אַריין אין גאַנטאַרס פאָלקסטימלעכע לידער, שטייגט די באַוווּנדערונג פאַר זיין הויכער פּאָעטישער דערגרייכונג. ער איז אַזוי צוגעפּאַסט מיטן פאָלקס־ליד, אַז דער איינדרוק איז, אַז ער זינגט איבער די פאָלקס־מאָטיוון. אין דער אמתן, האָט ער באַוויזן פון די פרימיטיווע פאָלקס־פערזן (פון די אומבאַקאַנטע מחברים) צו שאַפן אין באַנייטע סטיל־און־פאָרם, די שיינקייט פון עכטער פּאָעזיע.

אין זיינע ליבע־לידער זינגט די האַרציקע בענקשאַפט פון פאָלקסגעמיט. אַ באַווייז פון זיין דיכטערישן אויפטו איז דאָס צאַרטע און צערפּולע ליד „שטייט אַ בוים". ווידער נישט פון דעם אומגליק, דערציילט ער. ער איז ביי דער גרויל נישט געווען. אין אויסגעאיידלטע, בענקענדיקע פערזן דערציילט ער פון זיין ליכטיקער ליבע, און ווען ער קערט זיך צוריק פון קריג, איז אַלץ פון דעם ליכטיקן נעכטן אָפּגעמעקט. וואָס איז אין אים געבליבן? די בענקשאַפט פון דער ליבע, און דער טרויער וואָס פאַרטריפט מיט טרערן זענען אייגן. עס איז דאָס טרערן זיינע אויגן. עס איז דאָס פון ריינסטן קוואַל פון פאָלק. אַזוי קאָנען מיליאָנען מענטשן נאָכזינגען זיין פיינען־געזאַנג. און דאָס פאַרטריבטע האַרץ זאָל שטיל אין דער טיף וויינען:

„שטייט אינמיטן פעלד אַ בוים
אונטער זון און רעגן.
צו דעם בוים און פונם בוים —
צוויי געקרייצטע וועגן.

איינער צו דיין שטיבל פירט —
צום געשניצטן גאַנעק.
פלעג איך קומען אומגעריכט
כיטרע, ווי אַ גנב.

דורך דעם פענצטער פלעגסט אַרויס
און קיין וואָרט נישט זאָגן,
ווי אַ קינד, אין ענגן שויס
כ׳פלעג צום בוים דיך טראָגן.

אין מיין טאַנק דעם מעכטיקן
כ׳פלעג דעם ליוק פאַרשליסן,
און אין שלאַכט געדעכטיקן
שיסן, שיסן, שיסן.

און אין חלום, כ׳האָב מיין טרוים,
דיך געזען שטענדיק
אונטער אונדזער ליבן בוים,
יונג, און שיין, און בלענדנדיק.

כ׳בין געקומען אויף צוריק —
ס׳שטייט דער בוים געבויגן.
וווזשע ביסט איצט, מיין גליק,
ווו ביסטו פאַרפלויגן?

ליגט אַ בערגעלע פון ליים
און פאַרקוילטע שטייגער.
פון דער גוטער, שטילער היים
נים געבליבן קיינער.

שטייט אַ בוים אינמיטן פעלד,
שטייט ער איינגעבויגן.
כ׳האָב ביים בוים זיך אָפּגעשטעלט
מיט פאַרטרערטע אויגן".

די פאָלקס־מאָטיוון — די מיט טיפן טרויער פאַרטרישטע, און די האַרציק־בענקענדיקע, זענען מוסטערן פון עכטער פּאָעזיע, געלייטערט אין געמיט, פון דעם לויטערן ליריקער אברהם גאַנטאַר.

אָט, די ריטמישע מוזיקאַלישקייט פון די פערזן, דערמאָנט טיילמאָל, אָן איציק פעפערס ליכטיקער צוזונגענקייט פון „ביסט אַוועק מיין ליבער". איציק פעפער איז געווען פון די גאָר צאַרטע ליריקער, און מען דאַרף אים נעמען פאַר אַ מוסטער און זשאַנער פון פאָלקס־געזאַנג און זיך לערנען פון זיין פערזן־געבוי. אין אברהם גאַנטאַרס צוויי לידער־זאַמלונגען, געפינען זיך לידער, וואָס איך האָב געליינט עטלעכע מאָל, צוליב זייער קלאָרקייט, בילדלעכקייט און פּאָעטישער שיינקייט.

לערנען אַ פּאַפּוגיי יידיש...

אַ ליד, וואָס צאַפּלט אין טיפן אומרו, איז זיין „קיין אַפריקע". דער תוכן איז אַ סימבאָלישער, אָבער גלייכצייטיק גיט עס איבער די וואָר פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט. איז פון יאוש פאַנטאַזירט ער, אַז ער פאָרט קיין אַפריקע, און דאָרט וועט ער זיך איינהאַנדלען אַ פּאַפּוגיי, וועמען ער וועט אויסלערנען יידיש... מען קאָן נישט לייקענען, אַז אַזאַ אומרואיק געפיל נעמט אַרום יעדן פון אונדז. נאָר מיר פאָרן נישט קיין אַפריקע נאָך אַ פּאַפּוגיי. מיר פאַרלאָזן זיך נישט אויף זיין נאָכפּלאַפּלען דאָס יידישע לשון, מיר טוען דערווייל, וואָס מיר קאָנען (אָפט, צום ווייטיק, ווינציקער ווי מיר קאָנען...) אויפצוהאַלטן יידיש, און פאַרזיכערן זיין דורותדיקן קיום. סיי־ווי, גאַנטאַרס „קיין אַפריקע" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בידנער מערכה פון יידיש:

„קיין אַפריקע
קיין אַפריקע איך פאָר!
אַ פּאַפּוגיי כ׳וועל קויפן, וואָס לעבט
דריי הונדערט יאָר.
כ׳וועל מיט דעם פויגל זיך ערשט
דאַן צעשיידן,
ווען כ׳וועל אים אויסלערנען אויף
יידיש ריידן.
און דעמאָלט מעג ער פליען זיך
וווהין ער וויל —
אין הייסער קאָנגאָ, צו דעם געלן
ניל.
און זאָל ער לעבן גאַנצע דריי
יאָרהונדערט...
וואָס האָסטו זיך, מיין אייניקל,
פאַרוווּנדערט?
איך זע דאָס אין די אויגן דיינע
קלוגע —
דו טראַכסט געוויס: דער זיידע
איז משוגע...
באַהאַלט אים ניט, דעם בליק,
אין וויע־שאָטן,
אויף יידיש זאָגט מען איידעלער:
„אַן עובר־בטל".
נאָר דו ווייסט נים פון אַזוינע
ווערטער,
כ׳האָב קיין טענות נים, מיין
אייניקל מיין גערעכטער.
ווען ס׳וועט דער לעצטער טאָג מיין
ליכטעלע פאַרלעשן,
ווען דיינע קינדער וועלן אין מיין
נאָמען שוין פאַרגעסן,
וועט ערגיץ אומפליען דער פּאַפּוגיי,
וואָס רעדט אויף יידיש,
און זיין עס וועט אַ רעטעניש, אַ
חידוש,
אַ שפּראַך־פאַרשער אַן אַלטער וועט
דעם פויגל פאַנגען,
מיין לשון אויסלערנען לויט די
קלאַנגען".

אַז מען באַקענט זיך נאָענטער מיט אברהם גאַנטאַרס פּאָעזיע, דערקענט מען אַן עכטן יידיש־לויטערן, און האַרציקן ליריקער, וואָס האָט אויסגעהאַרעוועט זיין אייגן אייגנאַרטיק פּאָעטיש וואָרט. יאָ, און מיט זיי געשליפן זיינע בריליאַנטענע פערזן. ווי ער לאָזט עס אונדז טאַקע וויסן, אַז „ער קלייבט זיי תמיד ווי איידל־שטיינער":

„אין לאַנד פון זכרון געקומען
כ׳בין ווידער,
צום קוואַל פון די טייערע יידישע
לידער,
שוין לאַנג כ׳האָב געשווירן,
געגעבן אַ נדר,
ווי איידלשטיינער, זיי קלייבן
כסדר".

---

*) דאָס אַרטיקל איז געוואָרן אָנגעשריבן פאַרן פלוצימדיקן טויט פון אברהם גאַנטאַר. מיר דרוקן דאָס אַרטיקל געקירצט. **רעד.**

ריטע העיוואָרט אונטער אַן אויפזיכט

די באַרימטע פילם־אַקטריסע, די „געטין פון סעקס" פון די 40־קער יאָרן, ריטע העיוואָרט, איז לויטן באַשלוס פון געריכט איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון איר 31־יעריקע טאָכטער יאַסמין. ספּעציאַליסטן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די 62־יעריקע אַקטריסע איז אומפעיק אָנצונעמען זעלבשטענדיקע באַשלוסן אפילו אין טאָגטעגלעכע פראַגן.

ריטע העיוואָרט איז אויפגעטראָטן אין אַ סך פילמען, צווישן זיי אין דער באַרימטער „גילדע". זי איז געווען איינע פון די צימערסטן פּאָפּולערע שטערן פון אַמעריקאַנער פילם.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז העיוואָרט עטלעכע מאָל האָספּיטאַליזירט געוואָרן אין שייכות מיטן מיסברויכן מיט אַלקאָהאָל־געטראַנקען. די דאָקטוירים האַלטן, אַז די אַקטריסע ליידט פון דער קראַנקהייט אַלצהעימער, נישט אויסהיילבאַרע שטערונגען אין מוח, אין רעזולטאַט פון וואָס דער קראַנקער פאַרלירט דעם זכרון און ליידט פון אַנדערע חלאַתן, וועלכע טרעטן געוויינלעך אַרויס אין אַ טיפערער עלטער איידער די עלטער פון דער באַרימטער אַקטריסע.

די יינגערע טאָכטער פון ריטע העיוואָרט, זשאַסמין קען האָט אויך איבערגענומען די אויפזיכט איבער דער מוטערס גוטס. זשאַסמין איז געבוירן געוואָרן אין דער שווייץ. אירע עלטערן האָבן זיך אין 2 יאָר אַרום נאָך דער חתונה געגט. א. קען איז געווען איינער פון די 5 מענער פון דער באַרימטער אַרטיסטין.

אין דער העלפט פון די 60־קער יאָרן איז ר. העיוואָרט אוועק פונעם פילם, אומקערנדיק זיך שפּעטערצייט אויפן פלאַן בלויז פון צייט צו צייט.

מאָטל אומרו

משה אַלטמאַן

צווישן אומבאַקאַנטע

(פאַרזעצונג פון פאַריקן נומער)

1.

איז אין מאָטלען, הייסט עס, אָנגעקומען דער שאָק? דער אַמאָליקער לץ האָט אין אים אַ שפּיל געטאָן?... ער שמייכלט און עס פּאַסט אים. אָן צווייפל: אָט אַזוי האָט ער באַדאַרפט צו זיין, אָבער נישט באַשערט געווען אים. כאָטש דער אמת איז, אַז נישט דורך דער שפּאַנונג האָט אויסגערונען מאָטלס גוטער הומאָר, עס מיינט — נישט דורך די מאַטעריעלע בראָכן. און דאָך — מאָטל ווייסט עס און באַטראַכט עס ווי אַ באַזונדערן חסד מצד זיין גורל — זענען פאַרבליבן אָפּגעהיטע און זיינע אינטימע באַהעלטענישן אַ מענגע ליכט־קנופּן, אַזוינע פילפאָרמיקע, פאַנטאַזיע־רייכע, אַ גאַנצע געאָמעטריע פון פאָרמען. פון די קאַפּריז — און צו־להכעיס — פלעקן קומען זיי אַרויס, שיילן זיך אַרויס און באַקומען אַ פּנים, אָט די פאַרשוינען, וועלכע וואָרצלען ערגעץ, ווי געוויקסן מיט פאַרפּלאָנטערטע פעדעמלעך אין די געדיכטע שיכטן פון מאָטלס גייסטיקן באָדן. אָט האָט זיך געעפנט אַ פענצטערל און ס'האָט זיך אויסגעפּיקט אַ לערערין. אָן בסך הכל איז עס גאָר אַ שפּיץ זון אויף האַרבסטיקן פעלד, וואָס איז פאַרבליבן געפאַנגען אין מאָטלס געהירן — ער האָט מורא צו זאָגן: נשמה.

זי האָט קאָקעטירט, לויט איר אופן געכישופט. עס האָט מאָטלען גערירט. דער אידעאַלער ריטער דאָן קיכאָט האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרשטענדעניש פאַר אירע געגנג. געוויס, זי וועט ווייטער בלייבן וווינען אין דער דירה, ווייל אויב ס'איז די רייד וועגן אַזאַ אומעטיקייט אין דאָרף, וועגן דעם, אַז דאָ איז איר פריילעכער און פאַרזיצן ווייל זי נישט, אָט ווי קען עס אַנדערש זיין? ווי אַרום קען קומען דער זוג, אויב נישט מיט דעם פריילעכן טראַקט? זי וועט פאַרבלייבן אויך אויף ווייטער דאָ און נישט באַדאַרפן זיך וואָגן מיט איר באַלעבאַטישקייט, מיט איר מעבל. נישט מער וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך מכוח אַ דירה פונזיינטוועגן? ער מוז האָבן אַן אָרט צום וווינען, אַן אָרט פאַרן געשפּאַן. און נאָך: זוימען ווו צו האַלטן, זעק ליידיקע, ער וועט דאָך תבואה אויף מאַכן. נישט נאָר צוקער־בוריקעס. אפשר ווייסט זי עפּעס אַזאַ מין פּאַסנדיקע דירה, מעג זיין אין דאָרף!

די לערערין האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרשנדיקע אויגן: ער מיינט עס ערנסט, צי ער מאַכט חוזק? זי האָט באמת יסורים פון דעם, וואָס אַרום אַ דירה דאַרף ער האָבן נישט אין דאָרף, נאָר דווקא ביים שטראָז, אָבער דאָ מיט איר צוזאַמען — אויף די באַקן האָבן זיך צעבליט ראָזע רעדעלעך — איז נישט מעגלעך: אין דער צווייטער העלפט דירה האַלט זי עפּעס „כלאַם", אַלטוואַרג, און עס רעגנט אַריין. חוץ דעם, איז בכלל נישט באַקוועם. זי אַ בתולה, און די וועלט דאָ אַרום, אַן עולם לויטער רכילותניקעס, בייזע צינגלעך, אַז גאָט זאָל באַשירעמען!...

מאָטל מיינט דאָך, אַז נישט מסוכן, ער קען וווינען אין דאָרף. ער גייט דאָך נישט צופוס, ער פאַרמאָגט אַן אייגענעם געשפּאַן.

דעמלט איז זי געוואָרן שוין גאָר שטרענג. דער שטערן לערעריש־באַפעלעריש:

— לאָזט אָפּ דאָס דאָרף... איר ווייסט נישט, ווער זי זענען... איר ווילט מען זאָל אייך באַגנבענען, באַהוילן? איר דאַרפט זיצן דאָ, ביים פעלד, מען זאָל פילן אייער אַנוועזנהייט אָט דאָ, אין דער נאָענט... איר מוזט האָבן פאַר די אויגן יעדע באַוועגונג, קיין איין מינוט נישט פאַרלירן פונעם בליק דאָס פעלד, אַלצדינג האַלטן אין די הענט. אָט דאָ, ביים שטראָז, מוזט איר וווינען! אַפילו דער הויף טויג נישט ווייל די פענצטער גייען נישט אַרויס צום שטראָז...

זי האָט זיך אַזש דערוואַרעמט רעדנדיק: די באַקן צעגליט, די אויגן האָבן געגלאַנצט און די בלאָנדע האָר האָבן זיך איר צעבליט. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און, קוקנדיק אין דרויסן אַרויס, געקלערט:

— ווו זשע קריגט מען פאַר אייך אַן אָרט אַזוינס, אַ פּאַסנדיקס?

מאָטל האָט זיך אויך געשטעלט אין פענצטער, געקוקט אויף זיין פערדל ווי עס שטייט און גייט, געקוקט אויף דעם שטיקל פעלד פאַרן הויף, וואָס איז געלאָפן מיט אַ קלין צו שכנס הויף. און ווען אַ מאַן און אַ פרוי טיילן אין רעמל פון אַ פענצטער, מעגן זיי זיין ווילד־פרעמדע, ווערט געבוירן עפּעס שייכות, וואָס לאָזט אַ סימן, און מען מוז מאַכן איבער זיך אַן אָנשטרענגונג אויף צו באַפרייען זיך פון דעם. מאָטל האָט נישט, אַנאַליזירנדיק זיך, וואָס זיך פאַרצוואָרפן. די פרוי איז געווען און געבליבן אים פרעמד, נישט געקוקט דעריף, וואָס איז שפּעטער דאָך געווען צווישן זיי. פאַרוואָס איז זי געבליבן נישט מער ווי אַ טינקעלער פּאַן, אַן אויפבליק, אָן יענע שריפהס־פלאַמען, וואָס טויכן אויף מיט פרייד, נישט געקוקט אויף אַלע פּיינען, אַפילו אומגליקן די דערמאָנונג אין דער לערערין — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט זיין — כאָטש אַלצדינג, וואָס איז געווען צווישן זיי, איז אָפּגעלאָפן אַזוי פּרימיטיוו, אָן שטורעם, דאָך ווערט מאָטלען דערפון טרויעריק.

2.

דאָס שטיקל פעלד, וואָס פאַר די פענצטער, איז געווען פאַרזייט, ווי דער גרעסטער טייל פונעם טאָל, מיט צוקער־בוריקעס. די בלעטער זענען געווען גרין, אַזש פעט, גוט געשיצט די ערד, ערטערווייז האָבן די בוריקעס אַרויסגעשטאַרצט ברייט צעוואַקסן, ווי געמאָנט נאָך פּלאַץ פאַר זיך: מיר זענען, קיין עין־הרע, גרויסע, מיר באַדאַרפן. אין קלין האָט דאָס שטיק פעלד זיך געשלאָסן מיט אַן אַנדער הויף, אָן ביימער, אָן שאָטן, אַ נאַקעטער פלעק, אַריינגעשטעקט ווי אַ סלופּ נאָך אַ שרפה. יענער הויף איז געשטאַנען האַרט נעבן קלויסטער. אין סאַמע פראָנט פון די קליינפּריצישע גערטנער, ביים שטראָז. אַהינצו האָט וואַרוואַרע פּעטראָוונע אַלץ געהאַלטן אין איין צילעווען מיטן בליק:

— אָט אַ־דאָ, ביי טרענאַושקען, סעמיאָן ניקאָלייעוויטשן, וואָלט געווען אַזוי גוט, אַז בעסער קען שוין גאָר נישט זיין.

אָנגעצילעוועט זיך, אָפּגעמאָסטן מיטן אויגן, אַ באַשלוס אָנגענומען:

— נו, וואָס? מירן צוגיין? דער געשפּאַן מעג בלייבן דאָ... נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ביי מיר כאַפּט מען נישט.

...מיר זענען געגאַן מיטן ראַנד פונעם פעלד, צווישן פעלד און שאָסיי־גראָבן, זי פאָרויס, איך נאָך איר. צוגעקומען גאָר נאָענט צו טרענאַושקעס הויף, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געוויזן: „אָט אַ־דאָ, ווו מיר שטייען, זענען די גרענעצן... און אַקעגן, פון יענער זייט, גרענעצט איר מיט אַלעקסאַנדער וואַסיליעוויטשן, מיט אונדזער דעפּוטאַט, געהערט מין־הסתם... די וואַסער־מיל אָט אַ־דאָרטן, ביים יענעם לעבעדיקן טייכל, איז אויך זיינע"... זי האָט געקענט אַלע פעלדער אַרום, די גאַנצע סביבה, געשלונגען מיט די אויגן די פעלדער, די כוטאָרס, די וועלט, דאַכט זיך, נישט זאַט געוואָרן, ווען דער גאַנצער דרויסן געהערט צו איר... זי האָט ווייזט אויס, נישט איין מאָל געטראַכט וועגן טרענאַושקעס הויף, ווייל זי האָט געהאַט רעכט מיט איר אָפּשאַצונג: אָט דער הויף אויף דעם זעלבן בערגל, וואָס דער קלויסטער, נאָר נענטער צום שטראָז, האָט געהערשט איבער דער סביבה. אָן אים האָט זיך, ווי אַ ווידער־קול, אָפּגעשלאָגן דער גאַנצער ראַש און טומל פונעם שליאַך. פונדאַנען האָט מען געהאַט פאַר זיך די סביבה אויף מיילן אַרום, גאָרנישט האָט נישט געקענט פאַרביילויפן מיטן שאָסיי, אַז מען זאָל עס פון דאַנען נישט זען. מען האָט אַלץ געהאַט אויף דער האַנט. אויף דעם עק פונעם באַרג האָט מען אַרויסגעזען און אויך יענע גרענעצן האָט זי געוווּסט אויף אויסווייניק: „פון איין זייט — דער פּאַן פּיענטקאָווסקי, אייער אַלמנהס ברודער — פון דער צווייטער זייט"... די „געאָגראַפיע" פון דעם אָרט האָט מיך אָבער אין יענעם מאָמענט נישט אינטערעסירט, די בענקשאַפט נאָך דעם פעלד, באַזונדערס נאָך דעם אָרעמען באַרג, איז מיר געקומען שפּעטער, אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין — אין יענעם מאָמענט האָט מיך פאַרכאַפּט דער דרויסן, דאָס קול און די מאַרע פון דער סביבה, דער שטראָז האָט געזאָטן, ווי די צייטן פון מיין טאַטן, אפשר נאָך מערער. ס'איז געווען די סאַמע ברען־צייט פון אַרבעט און דאָס ווידער־קול פון דער האַרעוואַניע האָט כוואַליענדיק אָנגעשלאָגן אַהער, אין דעם פונקט. פּויערישע פורן, פּריצישע און פּאַסעסאָרסקי בריטשקעס, שטאָטישע אויטאָס האָבן זיך געקרייצט נאָענט פאַר די פענצטער. דאָס געקלאַפּערייַ פון די רעדער פון וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון האָט ביז אַהער דערלאַנגט. מ'האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן גראָבן בוריקעס, שניידן קוקורוזע. פּאַסאָליעס און סאָנישניק האָט מען געמאָלויצעט, וויס ברויט געדראָשן. סעמיאָן ניקאָלייעוויטש טרענאַושקען האָבן מיר געטראָפן זיצן אויף דער פּריזבע און זיך וואַרעמען אַקעגן דער האַרבסט־זון.

2.

אַ גרויסע פאַרלאָזנקייט האָט געהערשט אויף דעם אָרט. די שטוב — אַ שטיק חורבה. אַרום דער שטוב — נאַקעט. קיין סימן פון קיין ביימל, קיין עוף ביי דער שטוב. נאָר אַ מאָגער הינטל, הויט און ביין, ביים מסתמא פון הונגער, האָט זיך געריסן פון דער קייט סכנת־נפשות. די גרענעצן פון דעם הויף — אַ שטיק קוקורוזע־פעלד איז צוגעגאַנגען ביז צום פּלויט פונעם קלויסטער־גאָרטן; דער גראָבן פונעם שאָסיי, אַ פּאָר ליניעס דראָטשטעכלקעס, מסתם צוגעלקחנט פון די הפקרדיקע אָקאָפּעס נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן געמאַכט אַ מחיצה צווישן דעם הויף און דער פּריצעס. דער באַלעבאָס אַליין איז געשלאָפן אָדער זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט, בשעת די לערערין מיט מאָטלען האָבן זיך דערנענטערט. זי האָט אַ ווונקגעטאָן ממזריש, ביטרע פּויעריש זיך צעלאַכט און פון דער פולער ברוסט אַ געשריי געטאָן:

— זדראַוסטוויטע, סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש! איר וואַרעמט זיך אויף דער זון?

ס'האָט אַזש מיט אים אַ וואָרף געטאָן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן סמירנאָ. דאָס איז געווען אַ מאַן צוויי שטאָק די הויך, אַן עוג־מלך־הבשן, אַ שוואַרץ־גראָווער, שטאַרק ציגיינעריש, ווי מען פלעגט עס אַמאָל טרעפן צווישן די אַלטע פּריצים אין יענעם קאַנט. דער פאַרוסינענער אָנצוג, וועלכער האָט זיכער געשטאַמט פון פאַר דער מלחמה־גאָלע־לעכער, די קני געפּלאַצט און נישט פאַריכט... ער האָט צום ערשטן אַ קוק געטאָן ברוגז, דערנאָך געמאַכט: „אַ!..." און גענומען רייבן די אויגן, כלומרשט אויסווישן פונעם שלאָף, דערנאָך גענומען שמייכלען:

— נאַפּוגאַלי, יעי באָגו...

דערנאָך האָט ער זיך צעשריגן מעשה־באַלעבאָס אויפן הינטל, וואָס האָט זיך געריסן פון דער קייט מיט איבער־הינטישן געביל, גלייך דאָס האָט אים געשטערט אויפצונעמען די געסט...

די לערערין שרייט צו אים אַרויף:

— כ'האָב אייך געבראַכט אַ גאַסט.

טוט ער אַ קוק, נעמט זיך שניצן די נאָז און, אָפּווישנדיק די הענט אין די פאַרוסינענע הויזן, מאַכט ער הויך:

— פּאַושאַלויסטאַ, מיר זענען צופרידן.

ער האָט, ווייזט אויס, צוליב פּריצישער אידלקייט, אַרויסגעצויגן אַ נאָזטיכעלע קלענער פון זיין דלאָניע, זיך פריש אויסגעשנייצט, אַרומגעווישט, דערלאַנגט די האַנט און, צערעמאָניעז:

— מיט וועמען האָב איך די ערע?

די לערערין דערקלערט, ווער און וואָס, רעדט וועגן גאַסט אין דריטער פּערזאָן:

— זיי מסכים אייליטש... זיי זענען דער נייער פּאַכטער... זיי האָבן אַרענדירט דאָס פעלד ביי דער אַלמנה...

סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש הערט אויס שטאַרק אויפמערקזאַם, קנייטשט דעם שטערן, גלייך ער פּרווט אַריינדרינגען אין מי־יודע וואָס פאַר אַ שווערן ענין, און מיטאַמאָל, שטאַרק אויפגעלעבט, זיך דערפרייט. גאָרנישט אויסצומאָלן די פרייד, וואָס ער האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן, גלייך ער האָט דערקענט אין מאָטלען אַ פאַרלוירענעם ברודער, וועמען ער האָט יאָרנלאַנג געזוכט אויף אַלע טיילן פון דער ערד, זיך שוין געהאַט מיאש געווען און ווידער געזוכט און — ענדלעך געפונען. די אויגן האָבן געגלאַנצט, דער גערונצלטער שטערן האָט אויפגעלויכטן:

— זענען מיר, הייסט עס, שכנים. זייער אָנגענעם.

ער האָט אַריינגעבעטן אין שטוב אַריין, אין דער ריינער העלפט. און דאָ אויפדאָס ניי זיך פאָרגעשטעלט:

— סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש טרענאַושקאַ. פּאָטאָמסטווענִי דוואָריאַנין...

4

פרעגט זיך מאָטל: „אַקעגן וואָס דערצייל איך דאָס? צו וואָס האָט עס פּאַסירט מיט מיר?".

— טייקאָ.

אַוועקגעשטעלט דעם „טייקאָ", פאַרלאָזט אים מאָטל, ווי מען פאַרלאָזט אַ בית־עולם, און קערט זיך אום צו סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש טרענאַושקאַ, צו דעם פּאָטאָמסטווענִי דוואָריאַנין.

...ער האָט געליטן באַשימפּערלעך פון דער אָרימקייט אין שטוב. געפּרווט עס צודעקן מיט גאַסטפריינטלעכקייט. ער לויבט דאָס פעלד, וואָס כ'האָב איינגעקויפט — אין דאָרף זאָגט מען נישט אויף ערד „געדונגען", נאָר „געקויפט". ער איז מיר מבטיח, אַז כ'ל פאַרדינען, גוט פאַרדינען... דער עיקר, זאָגט ער, איז באַאַרבעטן. באַלעבאַטיש באַאַרבעטן, דאָס איז דער עיקר!" חזרט ער איבער פּאַטעטיש: „אָבער איך זע, אַז כ'האָב מיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן! אַן אינטעליגענט... צי גאָר אפשר אַן אַגראָנאָם?"... ער קוקט אויף מיר אַ ווילע, פאַרשנדיק מיט גרויסער שמחה:

— יאַ־יאַ, אַן אַגראָנאָם!... געהערט!...

אין מאָטלס אויגן טוט זיך אַ צעטענצל אַ גוטער שמייכל. אַ ביסל געטראָפן האָט דאָך דער פּוליאַק: אין די גאָר יונגע יאָרן האָט מאָטל אַ צייט געטרוימט וועגן אַגראָנאָמיע, האָט זיך פון דעם אַ חלום אויסגעלאָזט, ווי פון אַלע זיינע גוטע חלומות.

עס איז אים שוין טרויעריק, מאָטלען. נאָר ער זאָגט נישט אויס, ער טרייסלט זיך אָפּ דערפון מיט כוח, קערט זיך אום צום סיפור־המעשה:

...שפּעטער, ווען כ'האָב אים בעסער געקענט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז ער „פאַרפאַסט", זאָגט ליגן באַוווּסטזיניק און נישט באַוווּסטזיניק. ער האָט נעבעך, געמיינט צו גוטן. געזען, גענוג, אַז איך בין נישט־פויגלדיק געשטימט, האָט ער מיך געוואָלט טרייסטן: „איר זענט אַ פרעמדער מענטש דאָ — מאַכט ער צו מיר — דערפאַר דאַכט זיך אייך אַלצדינג מאָדנע. אומזיסט! איר געפינט אייך צווישן גוטע מענטשן. איך וועל אייך באַהילפיק זיין, איך וועל אייך אַלצדינג ווייזן, באַקענען. איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. איר קענט בלייבן וווינען ביי אונדז. פריילעך דאָ, די גאַנצע געגנט, ווי אויף דער דלאָניע, בעסער ווי ביי אייער פּריצה".

אינצווישן, שלעפּט ער אַרויס אַ ציגאַר־פּאַפּירל, אָדער אפשר האָט זיך עס נאָכגעשלעפּט נאָכן טיכעלע, געפּאַקט דאָס פּאַפּירל, נעמט ער זוכן טאַבאַק. ער ווערט אינגאַנצן אומרויק, הייבט אָן צו וואָרטשען. ברומט עפּעס אין דער שטיל, דערנאָך העכער, צו זיך כלומרשט, נאָר איך זאָל הערן:

— וואָס זשענשטשינאַ!... דאָס ווייב, מיין איך... אַוועקגעגאַנגען צו איר שוועסטער אין דאָרף אַריין און פאַרגעסן צוריקצוקומען. ווו האָט זי מיר געקענט פאַרכאַווירן דעם טאַבאַק?...

כ'האָב אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרן און אַוועקגעלייגט פאַר אים אַ ציגאַר, אָבער ער — בוצים ווייל ער נישט, וואַרפט זיך: — צו וואָס? מען דאַרף נישט. און ווידער גענומען זוכן דעם נעכטיקן טאָג. סוף־כל־סוף פאַררייכערט און — געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש: אַ שווייגער! אַ רענדל אַ וואָרט!... זאָל עס געווען זיין דער עפעקט פונעם רייכערן? איך בין מיך משער, אַז ער איז אָפּגעזעסן פון אינדערפרי אויף דער פּריזבע מיט פאַרמאַכטע אויגן, כדאי צו פאַרגעסן דעם הונגער נאָך אַ ציגאַר. איצט האָט ער איינגענומען שטימעניש, גלייך אינגאַנצן פאַרטאָן אין דער עבודה פון רייכערן, גלייך געציטערט צו פאַרלירן אַ טראָפּן הנאה אין כוונה.

איך פרעג, וואָס וועט מיך קאָסטן דאָס צימער, מאַכט ער: „עט". חזר איך איבער, זאָגט ער: „ס'ווייב... דאָס קער צו נ'איר..." זאָג איך: „כ'האָב אַ געשפּאַן מיט מיר". ענטפערט ער: דאָס קען מען ברענגען אַהער". און עפּעס שוין גאָר וואַזשנע: „מיר זענען שטענדיק גרייט אויפצונעמען אַן אָרנטלעכן מענטשן".

סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש איז באַלד אַוועקגעגאַן און געבראַכט דאָס פערד אין בריטשקעלע צו זיך, עס אַוועקגעשטעלט פאַר די פענצטער און — נישט זאָגנדיק מיר גאָרנישט — גענומען שטעלן דעם סאַמאָוואַר לכבוד דעם גאַסט.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

קולטור ▼ קולטור ▼ קולטור

דער טויט פון וויליאַם וואַילער

אין בעווערלי הילס, נעבן לאָס־אַנדזשעלעס, איז אין עלטער פון 79 יאָר געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק דער אַמעריקאַנער פילם־רעזשיסער, דער אויטאָר פון פּאָפּולערע און קאַסע־פילמען, דער באַלוינטער מיט 11 אָסקאַרן — וויליאַם וואַילער.

וו. וואַילער איז געווען אַ גלענצנדיקער מאָלער פון כאַראַקטערן און סביבות. ער האָט געשאַפן פילמען מיטן אָנטייל פון אַזעלכע פּאָפּולערע אַקטיאָרן, ווי גאַרי קופּער, גרעגאָרי פּעק, אָדרי העפּבערן. בעת דער מלחמה האָט געהאַט גרויס דערפאָלג זיין פילם, וועלכער באַווייזט דאָס לעבן פון אַ משפּחה אין דעם באָמבאַרדירטן דורך די לופטוואַפע ענגלאַנד „פרוי מיני־ווער" (אין 1941 — באַקומען 2 אָסקאַרן), זייענדיק מאָביליזירט אין דער אַוויאַציע רעאַליזירט ער 3 דאָקומענטאַלע פּאָזיציעס. גלייך נאָך דער מלחמה שאַפט ער זיין מייסטער־ווערק, די ביז גאָר איפריכטיקע און הומאַניסטישע דראַמע וועגן די אַנטוישונגען פון די קאָמבאַטאַנטן „די בעסטע יאָרן פון אונדזער לעבן" (1946 — 2 אָסקאַרן אין די אויסצייכענונג אויפן פעסטיוואַל אין מאַריענבאַד).

אַ שם און אַ ריך געלט האָט אים געבראַכט זיין „היסטאָרישער גיגאַנט", „בן אור" (1959). וועגן דאָזיקן פילם האָט געשריבן פּראָפ. יעזשי טעפּליץ: „בן אור" איז אויפגעקומען אינטערן צייכן פון „דער ביבל און דער ליבשאַפט צו רוימישע טעמעס... דעם פילם האָט וו. וואַילער רעאַליזירט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער מעטראָ־גאָלדווין־מעיער, וועלכע ער האָט זיך פאַרגעראַטעוועט פונעם ליקווידאַציע־געשפּענסט. „בן אור" האָט אָפּגעקאָסט 12 מיליאָן דאָלאַר און שוין אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער אַריינגעטראָגן אַ ריווח פון עטלעכע צענדליק מיליאָן. דער רעזשיסער, וועלכער איז באַקאַנט פון זיין ליבשאַפט צו פּסיכאָלאָגישע דראַמעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ צווישן די 4 ווענט און צווישן 2—3 מענטשן, האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט אַ גיגאַנטישער אימפּרעזע, וועמענס הויפּט־אַטראַקציע איז דער אָנטייל פון פילטויזנטיקע מאַסן מענטשן. די אויפגאַבע האָט זיך מייל־ווייז איינגעגעבן. דער צענטראַלער פּונקט פון „בן אור" — דער לויף־געוועט פון קוואַדריגעס אין רוימישן סירקוס מאַקסימוס — איז אַ מייסטער־שטיק פון וואָס פאַראַ זייט מען זאָל דעריף נישט אַ קוק געבן. ער אימפּאָנירט מיט זיין טעכניק פון די אויפנאַמעס, מיטן ריטם, מיטן מאָנטאַזש. אָבער כדי זיך צו דערוואַרטן ביזן געלויף־געוועט דאַרף מען זיך אויסזיצן אין משך פון דער פילשעהיקער פּראָיעקציע פון פילם, אין וועלכן נאַיווקייט קעמפט מיטן שלעכטן געשמאַק. מיליאָנען מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט ווייסן, אַז עס איז כדאי צו זען ביז דעם געלויף־געוועט פון קוואַדריגעס און נישט געקוקט דעריף וואַרטן די געדולדיקע אויף דער סצענע, וואָס דויערט נישט מער ווי 15 מינוט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס צאָלט זיך אויף אַזאַ מעטאָד פון בויען דעם פילם אָפּ.

אין פּוילן זענען באַוויזן געוואָרן וואַילערס פילמען, נאָך דער מלחמה האָט מיר צוואַנד געזען: „די גוטבאַזיצערין", „קאַרי", „רוימישע פעריען", „דער קאָלעקציאָנער", „וויאַזוי צו גנבענען אַ מיליאָן דאָלאַר", „רעכט און געוואַלט".

וו. וואַילער איז געבוירן געוואָרן אין מילהויז אין 1902־טן יאָר. ער איז געווען אַ זון פון אַ שווייצאַרישן סוחר. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין פראַנקרייך. ער האָט שטודירט אין פּאַריז. נאָכן קומען אין האָליוווּד האָט ער געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. זיינע ערשטע פילמען זענען געווען שטומע וועסטערנען.

אַלעקסאַנדער פּושקין דער העלד פון אַ סאָוועטישן פילם

אין „מאָספילם" ווערן פאַרענדיקט די דויערנדיקע שוין עטלעכע יאָר צוגרייטונגען צום מאַכן אויפנאַמעס פאַר אַ צווייטיילנדיקן פאַרבלאַזן פילם וועגן אַלעקסאַנדער פּושקינען. דער מחבר פון סצענאַר איז דער באַקאַנטער רעזשיסער מ. כוציעוו. אין אַן אינטערוויו פאַר דער צייטשריפט „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָט כוציעוו, וועלכער האָט זיך ביז איצט פאַרנומען מיט דער היינטצייטיקער מאָראַליש־שטיגערישער פּראָבלעמאַטיק איינגעקלערט, וואָס עס האָט אים אָנגערעגט זיך צו ווענדן צו דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע און באַזונדערס — צו דערנענטערן די קינאָ־אָפּנעמער די געשטאַלט פון גרויסן רוסישן דיכטער.

— זייט מיר מוחל דעם געוויסן פּאַטאָס, עס איז אָבער אַזוי געשען, אַז מיין וועג צו פּושקינען האָט געדויערט כמעט מיין גאַנץ לעבן. נאָך אויפן אַריינטרעט־עקזאַמען אין דער פילם־שול האָב איך אויף דער קינאָ־פראַגע — וואָס פאַראַ פילם איך וואָלט געוואָלט אָנדרייען — געענטפערט: אַ פילם וועגן פּושקינען. דעם סצענאַר, וועלכן איך האָב פיל מאָל געענדערט און דערגענצט — האָב איך געשריבן אין משך פון עטלעכע יאָר. מחמת עס איז נישט לייכט און נישט איינפאַך צו דערציילן וועגן אַ מענטשן, וועמענס אינדיווידואַליטעט און שעפערישקייט איז כמעט שוין אַ גאַנצן יאָר־הונדערט דער קענטשאַפט נישט בלויז פון דורכדורכגעלעבטע פאָרשונגען, נאָר אויך פון אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטירונג. ראשית־כל זאָל מען אים נישט פאַרשטעלן אויף אַ קאָמעדיאַלן אופן, אָפּגעריסן פון דער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט. דער פילם, וועלכער דאַרף זיין אַ מין היסטאָרישע כראָניק פון די געשעענישן, וועט אַרומנעמען אַ 20־יאָריקן פּעריאָד — פונעם מאָמענט פון פאַרענדיקן דורך פּושקינען דעם ליצעי ביז זיין טראַגישן טויט.

איך גיי אין דעם, אַז דער צוקונפטיקער צושויער זאָל אינעם העלד פון פילם דערקענען זיין פּושקינען. מיר מוזן דעראָבערן פאַרן דאָזיקן ציל דעם צושויער פונעם אָפּנעמער, מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל אינגאַנצן גלייבן אין דער אויטענטישקייט פון די פאָרגעשטעלטע פּאַסירונגען, דערפאַר וועלן מיר פּושקינען נישט אַריינפירן גלייך צום אָנהייב. מיר וועלן ביסלעכווייז אַריינפירן דעם צושויער אין דער אַטמאָספער פון דער עפּאָכע און די באַציונגען, אין וועלכע דער דיכטער האָט געלעבט. דער פילם וועט זיך אָנהייבן פונעם מאָמענט, ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט נאָכן באַזיגן דעם פיינט אין 1812־טן יאָר אַריינגעמאַרשירט קיין פּעטערבורג. דעם יונגן דיכטער וועלן מיר דערקענען צווישן פון די געשפּרעכן וועגן אים צווישן זיינע נאָענטע מענטשן, ער אַליין וועט זיך באַווייזן עטוואָס שפּעטער. מיר וועלן באַווייזן דעם דיכטער אַלזייטיק. אַ ליימערן אין פאַרטראַכטן, אַ פריילעכן אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פריינד, אַ פאַרביטערטן אין די צוזאַמענשטויסן מיט אומפריינטלעכע מענטשן, פּראָסט פּשוט אַזאַ, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, דאָס איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע פאַר אונדז און אויך פאַרן אַקטיאָר, וועלכן מיר זוכן נאָך אַלץ.

די יידישע פרעסע
אין פארמלחמהדיקן פוילן האט געשריבן:

א יאר ארבעט
פון ווארשעווער ייווא

דעם 9־טן יאנואר 1938 יאר, איז אין לאקאל פון דער יידישער לאנדקענטעניש־געזעלשאפט פארגעקומען די יערלעכע פארזאמלונג פון דער געזעלשאפט „פריינד פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט" אין ווארשע. די פארזאמלונג, אין וועלכער עס האבן אנטיילגענומען קרוב 100 מיטגלידער פון דער „געזעלשאפט", האט געעפנט דער פארזיצער יצחק גיטערמאן, אפשטעלנדיק זיך ברייטער אויף דער לעצטנס שארק־פארברייטערטער ארבעט פון דעם צענטער אין ווילנע, פון זיינע אלע סעקציעס, דער עיקר: דער עקאנאמישער און פילאלאגישער מיט זייערע חודש־ארגאנען „די יידישע עקאנאמיק" און „יידיש פאר אלע". עס ווערן אויך דערמאנט די שווערע אבידות, וועלכע דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט האט אין לעצטן יאר געליטן מיטן טויט פון י.ל. כהן און באריס קלעצקין, וואס האבן אזויפיל געטון פאר דעם צענטער פון דער יידישער קולטור און וויסנשאפט. עס ווערט אויך באערט דעם אנדענק פון פראפ. טשארנאוסקי, דעם איבערגעגעבענעם פריינד פון דער יידישער־וויסנשאפט.

נאך דעם ווי יוסף יאשונסקי ווערט געוויילט צום פארזיץ פון דער פארזאמלונג גיט אפ אן אויספירלעכן באריכט דער סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט מג"ר מנחם לינדער, וועלכער שטרייכט אונטער, אז די פארשטארקטע ארבעט אין ווארשע איז אין א היפשער מאס א פועל־יוצא פונעם וווּקס פון אונדזער ווילנער צענטער; מיט אירע 439 מיטגלידער האט די ווארשעווער געזעלשאפט געמאכט א טריט פאראויס, אבער פאר ווארשע מיט אירע 370 טויזנט יידן, איז עס צו ווייניק, היפש צו ווייניק. די ארבעט אין פארגאנגענעם יאר איז געגאנגען מער אין דער טיף: מיר האבן זיך פארמאסטן צו ארגאניזירן און אויסבילדן א נייעם קאדער יידישע וויסנשאפטלער אין ווארשע. עס זענען ארגאניזירט געווארן מחוץ דעם פון פריער שוין עקזיסטירנדיקן היסטאריקער־קרייז, אויך קרייזן פון עקאנאמיסטן־סטאטיסטיקער, פון פסיכאלאגן און פעדאגאגן. בכדי, צו וועקן דעם אינטערעס צו וויסנשאפט אין דער ברייטערער פעריפעריע, האבן מיר ארגאניזירט ציקלען געשלאסענע לעקציעס וועגן פסיכאלאגיע (ראזע סימכאוויטש און מג"ר ח. באגנא), ליטעראטור־געשיכטע (נ. מייזיל) און פילאלאגיע (נ. פרילוצקי); אין דער לעצטער צייט איז שוין טעטיק א יערלעכער סעמינאר.

די צייט, אין וועלכער אונדז קומט אויס צו ווירקן האט געשאפן די מעגלעכקייט צוצוציען די יידישע אינטעליגענץ צו יידישע ארבעט. עס איז געלונגען אריינציען א ריי פרעמדע דער יידישער ליטעראטור, ביז נישט לאנג אסימילירטע אינטעליגענטן, אין אונדזער יידישער קולטור־סביבה. אבער אויף דעם געביט וארט אונדז נאך א גרויסע ארבעט: די יידישע אינטעליגענץ מוז זיך אומקערן צי איר פאלק צי דער שפראך פון פאלק, מוז זיך שטעלן אין דינסט פון אונדזער פאלקס־מאסע מוז זיך „אומקערן אהיים". אנהויבנדיק א גרויסע קולטור־אפענסיווע פאר יידיש, באקעמפן דעם קולטור־שמענדריקיזם, די שפראך־אסימילאציע פון אונדזער אבער אונדז פרעמדע אינטעליגענץ. דאס איז דער לאזונג פאר דער ווייטערדיקער ארבעט.

זלמן מייזנער רעפערירט וועגן די ווייטערדיקע פלענער פון דער געזעלשאפט, וועגן דעם פלאן צו שאפן א ייווא־קלוב, ווי יעדער זאל געפונען די ריכטיקע יידישע קולטור־אטמאספערע, וועגן ייווא־גרופעס אין אלע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס, וואס זאלן פראפאגירן דעם ייווא און קעמפן פאר יידיש, וועגן דער אויסגאבע „יידיש אין ווארשע", וועלכע מיר גרייטן זיך ארויסצוגעבן.

מג"ר א. קאנינסקי שטעלט זיך אפ אויף דער ייווא־חודש, וועלכן מיר גייען בקרוב פראקלאמירן אין ווארשע אונטער דעם לאזונג „מינימום טויזנט פריינד פון ייווא אין ווארשע".

אין וויכוח נאך די באריכטן און ארבעטספלענער, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט ביז 20 אנטיילנעמער, איז אונטערגעשטראכן געווארן, אז מיר שטעלן זיך צו קליינע צילן, — אז דער איצטיקער מאמענט איז גינסטיק צו פארוואנדלען די ווארשעווער געזעלשאפט אין א מאסן־געזעלשאפט, אז די צאל אקטיווע פריינד מוז פארגרעסערט ווערן די ארגאניזאציע פאר יידישער קולטור און וויסנשאפט נאך מעכטיקער אויפגעבויט ווערן, אין דער עיקר, אז עס מוזן געמאכט ווערן אנשטרענגונגען ארויסצורייסן די יידישע אינטעליגענץ פון איר ביזאיצטיקער גלייכגילטיקער באציונג צו דער קולטור פון די יידישע פאלקס־מאסן, צי איר שפראך, צי יידיש.

אין דער נייער פארוואלטונג זענען געוויילט געווארן (לויטן א"ב), י. גיטערמאן, ד"ר ל. וואלמאן, ד"ר מ. ווייכערט, מ. טייכמאן, מג"ר מ. לינדער, נ. מייזיל, ז. מייזנער, ר. טימכאוויטש, ש. אידעראוויטש, ל. פינקעלשטיין, ד"ר א. פליישער, נ. פרילוצקי, מג"ר א. קאנינסקי, ש. ראבינאוויטש און ד"ר ע. רינגעלבלום.

פון שפאניש שלאכטפעלד־מאנט מען ביי דער יידישער ליטעראטור

א בריוו
פון א יידישן מיליציאנער
צו יוסף אפאטאשו

יוסף אפאטאשו האט באקומען אין ניו־יארק פאלגנדיקן בריוו פון זיינעם אן אמאליקן בן־עיר, א מלאווער, וואס איז שוין זינט 18 חדשים איפן שפאנישן שלאכט־פעלד. עס איז א טיף־מענטשלעכער דאקומענט אין א באוויז, ווי אזוי דאס יידישע, ווארט ווייסט נישט פון קיין גרענעצן און אויף וויפל די יידישע ליטעראטור איז איינגעבאקן אין דעם הארצן פונעם יידישן ארבעטסמענטש, ווו ער זאל נישט זיין.

א יידישער מענטש פון מלאווע אויף דער ערשטער פייער־ליניע אין שפאניע האט געלייענט אן ארטיקל אין א פאריזער יידישער צייטונג און שרייבט א בריוו צום באוווסטן שרייבער קיין ניו־יארק, אין דער בארצעלאנער בריוו־דאקומענט ווערט געשיקט אין די ווארשעווער „ליטעראריש בלעטער" אין אויגוסט 1938 און וועט געלייענט ווערן דורך יידישע־לייענער אין א שטיק וועלט.

טייערער אפאטאשו־שרייבט דער מלאווער בן־עיר, פון פראנט דע ליעסט. וואונדערט זיך נישט, וואס איר דערהאלט א בריוו פון שפאנישן שלאכט־פעלד.

דאס שרייבט אייך אייער לאנדסמאן פון מלאווע, וואפקע ביילאוויטש (מאשקע שמשס אן אייניקל) אן ארבעטער, א שניידער, וואס קעמפט אין דער ערשטער ליניע פון קאמף קעגן פאשיזם און אנטיסעמיטיזם שוין אכצן חדשים, אויך מיין ברודער, איזאק, וואס איז שוין געווען שווער פארוואונדעט, איז איצט שוין צוריק אין דער ערשטער ליניע פון קאמף.

וואס צווינגט מיך אייך צו שרייבן?

זייט אייער ערשטן מאל זיין אין מלאווע ווי מען האט אייך אזוי גלענצנדיק אויפגענומען, פאלג איך נאך אייער אנטוויקלונגסוועג. איך בין שטאלץ מיט אייך. ווי א מלאווער, און דאס וויכטיקסטע: ווי אן אונזעריקער. איך גלויב, אז איר וועט מיך גוט פארשטיין.

היינט איז מיר אריינגעפאלן 2 נומערן „נייע פרעסע" (פון פאריז), ווי נחמן מייזל שרייבט וועגן אייך. ער רעדט וועגן אייערס א היסטאריש ווערק, וואס איר שרייבט איצט. אן צווייפל איז וויכטיק צו דערקענען ס'אלטע, אונדזער אמאליק לעבן, אבער טייערער אפאטאשו, צי גיט נישט שפאניע די מעגלעכקייטן צו שרייבן דעם היסטאריש ריכטיקן ראמאן ספעציעל פאר אונדז יידן? איך מיין, אז יא! דער אמאליקער יידישער ישוב, די אינקוויזיציע, דער גירוש אא"וו. און איצט דער אויפשטאנד פון דער „שווארצער מאה" קעגן אלעם, וואס איז יונג און ניי! אין די צוויי טויזנט יידישע מיליציאנערן, וואס א טייל זענען שוין טויט אדער פארוואונדעט, און וואס האבן אזויפיל העלדישקייט באוויזן און וואס נעמען זיך אן פאר יענער צייט פון שאנד און שפאט.

צי וואלט נישט בעסער געווען, ווען איר שרייבט אן דאס בוך וועגן דער פארגאנגענהייט און צוקונפט פון אזא העלדיש פאלק, ווי דאס שפאנישע, אין פארבינדונג מיטן קאמף פון די יידישע מאסן קעגן פאשיזם און ראסןהאס?

איך בעט אייך זיך צו פארטראכטן וועגן דעם! ס'איז נויטיק צו פארפיקסירן דאס אלץ, וואס קומט איצט פאר אין שפאניע. אנדערע שרייבער טוען עס. ווי אייפטאן סינקלער, אנדרע מאלרא א"א. איך מיין, אז איר זענט דער אממערסטן בארופענער פון די יידישע שרייבער דאס צו טאן.

זייט מיר מוכל פאר מיין דרייסטקייט אייך צו געבן עצות. איך ווייס, אז איר זענט דער שרייבער פון די מאסן, פאר די מאסן, וועט איר זיך רעכענען מיט א מיינונג פון א יידישן ארבעטער, וואס שטייט אין די ערשטע רייען פון קאמף קעגן דער בעסטיע, וואס הייסט פאשיזם.

מיט דער זיכערקייט, אז איר וועט ערנסט באטראכטן מיין בריוו, שיק איך אייך איבער מיינע פלאמיקסטע גרוסן. אויך מיין ברודער און מיטקעמפער.

אייער
וואפקע ביילאוויטש

לכבוד דעם יידישן ארטיסט

דעם 13־טן סעפטעמבער 1938 האט זיך אין ווארשע געעפנט דער צוזאמענפאר פון דעם יידישן ארטיסטן־פאריין אין פוילן. דער דאזיקער צוזאמענפאר איז דער צוואנציקסטער, דער יובל־צוזאמענפאר פון אט דער ארגאניזאציע.

דער צוזאמענפאר קומט פאר אונטערן צייכן פון דעם יובל. די פיל־איס־געפרוווטע יידישע ארטיסטן־משפחה פייערט איר יובל ביי די נייע־געשאפענע שווערע באדינגונגען, ווען פאר יעדן קולטור־טוער קומט אויס מיט די גרעסטע אנשטרענגונגען בייצוקומען א מענגע שוועריקייטן און דערהויבן די קולטור־ארבעט אויף א העכערער מדרגה.

צוליב דעם יובל־צוזאמענפאר קומען פאר עטלעכע פייערלעכע אימפרעזעס ח״ן דעם אוונט, וואס די שרייבער־משפחה האט ארגאנזירט פאר דעם יידישן ארטיסט, זענען אין די טעאטערס „גאוואשטשי" און „סקאלא" פארגעקומען צוויי פייערלעכע פארשטעלונגען, אין וועלכע עס זענען געגעבן געווארן פראגמענטן פון שלום אש'ס „מאטקע גנב", בוימאנס „גליקל האמעלן" ש. בתהדריס „משפט", י.י. זינגערס „יאשע קאלב", קאלמאנס „באיאדערא", אווערטשענקאס „אסקוראציע", זאלאטארעווס „לעבעדיקע יתומים", רעווי פון דער „יידישע באנדע" און „ווארט" און געזאנג־קאנצערטן.

אין די פארשטעלונגען האבן זיך באטייליקט אלע יידישע ארטיסטן אין פוילן, וועלכע האבן געשפילט אין ווארשע און אויף דער פראווינץ.

כראניק

דורכן אביטוריענטן־קרייז ביי דער יידישער גימנאזיע אין ביאליסטאק איז דעם 10 דעצעמבער 1938 ארגאניזירט געווארן א בערגלסאן־אוונט מיט א רייכן פראגראם. אלס רעפערענט זענען ארויסגעטראטן בראטמאכער, גארדאן און בורשטין. עס האבן רעציטירט די ברידער פערלשטיין א״אנד.

* * *

אין ווארשעווער יידישן ליטעראטן־פאריין איז דעם 7־טן דעצעמבער 1938, פארגעקומען א גרויסע ליטעראריש דיספוט וועגן י. פערלעס שאפן.

עס האבן זיך באטייליקט אלטער קאציזנע, י. ראפאפארט און ב. שנאפער.

* * *

דעם 10־טן דעצעמבער 1938 איז פארגעקומען דער 10־יאריקער יובל פון שילער־ראט ביים יידישן מוזיק־אינסטיטוט אין ווילנע. אין יובל־קאנצערט זענען אויפגעטראטן די מוזיקער פראפ. א. וויזון־גאלינסקא, ז. טראצקי, פ. קאץ, ב. קארפ־דיווין און פ. האלפערין.

לעצטנס ווערט אויך דורך דעם זעלבן יידישן מוזיק־אינסטיטוט ביי דער מיטארבעט פון דער יידישער קונסט־געזעלשאפט אויפגעפירט אין יידיש די אפערע „אאידא" פון ווערדי, רעזשיסירט פון א. בעלער און דיריגירט פון ר. רובינשטיין.

* * *

דער דיכטער ישראל אשענדארף האט פארענדיקט אין דעצעמבער 1938, זיין באארבעטונג פון גאלדפאדענס „בר כוכבא" פארן ווארשעווער יידישן קונסט־טעאטער „וויקט", אשענדארף האט זיך אין זיין באארבעטונג געטריי געהאלטן ביי דער סצענישער קאנסטרוקציע פון גאלדפאדענס ווערק, איבערלאזנדיק דעם גאלדפאדענישן לויף פון דער אקציע אין די רייכע, הארציקע מוזיקאלישע באפוצונג פון בר כוכבא, ער האט אריינגעפירט נייע סצענעס און נייע געשטאלטן, צווישן די געשטאלט פון ר'עקיבה, וועלכער ווערט ביי אים פארוואנדלט אין גייסטיקן פירער פון אויפשטאנד. „בר כוכבא" אין אשענדארפבאארבעטונג ווערט געשטעלט אין „וויקט" דורך זיגמונט טורקאוו, אלס צווייטע גרויסע גאלדפאדן־אויפפירונג נאך „שולמית".

* * *

אין לאדזש איז אין אקטאבער 1938 פארגעקומען א י. מ. ווייסענבערג־אקאדעמיע, ארגאניזירט דורך א ספעציעלן קאמיטעט, אין וועלכן עס זענען אריין דער ייווא די ציישא, קולטור־ליגע, בארכאכאו־ביבליאטעק, אייזנשלאס־ביבליאטעק, געזעלשאפט פריינד פון יידישן טעאטער, יידישע סעקציע ביים זשורנאליסטן־סינדיקאט, יידישע לאנדקענטעניש־געזעלשאפט.

קיינמאל נישט פארגעסן!

יעדער מאל גיט א ציטער דאס הארץ, ווען מיר באזוכן שטעט און שטעטלעך פון זאגלעמביע, דעם אמאליקן גרויסן יידישן קיבוץ, וועלכער האט געשפרודלט מיט לעבן, די יידישע באפעלקערונג פון סאסנאוויץ, בענדין, זאווערטשע, דאמבראווע, און נאך אריי שטעטלעך, ארום די גרויסע שטעט, האט געציילט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אן ערך הונדערט טויזנט יידישע נפשות. דאס רוב יידן, וואס האבן זיך דא באזעצט אין סוף פון 19־טן יארהונדערט, ווי אויך אין אנהייב פון 20־סטן יארהונדערט זענען געקומען פון דער קעלצער וואיעוואדשאפט. דא האבן זיי באקומען מעגלעכקייט פון ארבעט און שעפן חיונה.

א געוויסע טייל יידן האבן פארנומען וויכטיקע פאזיציעס אין ווירטשאפטלעכן לעבן, באזונדערס אין האנדל און מלאכה. די מערהייט איז באשטאנען פון הארעפאשניקעס, ווי אויך פון באשעפטיקטע אין די גרעסטע אינדוסטריע־אינטערנעמונגען און האנדל. געווען אויך א צאל פארשטייער פון פרייע פראפעסיעס: דאקטוירים, אדוואקאטן, לערער, מוזיקער, שרייבער און דיכטער, ווי אויך קינסטלער און זשורנאליסטן.

איך געדענק, ווי היינט, וואלט דאס געווען. 3 טעג האט שוין געדויערט די מלחמה, אין טאג פון 4־טן סעפטעמבער, מאנטיק אין די פרימארגן־שעהן 1939 יאר, האבן זיך א לאז געטאן אויף מאטאציקלען איבער די זאגלעמביער שטעט נאציס און אנגעהויבן זייער מארד און רויב. די ערשטע קרבנות אין סאסנאוויץ, און אין בענדין זענען געווען א פאר צענדליק יידישע מענער. פון די גאסן מאלארוועסקיעגא, אסטראגורסקא, כלאנדע און זאוואלנע, זייער ברודער־קבר האט זיך געפונען אויפן נייעם יידישן בית־עולם, אויף די פיאסקעס. אין דער זעלבער צייט ווערן פון אלע יידישע הייזער ארויסגעטריבן די יידישע מענער און אריינגעווארפן אין קעלערן פון אמאליקן ראטהויז.

דאס זעלבע קומט פאר מיט די יידן פון בענדין, זאגלעמביע, דאמבראווע. מען פייניקט די קרבנות. מיט טעמפע מעסערס שניידט מען ביי זיי די בערד און פאות, מען האלט זיי לאנגע טעג אן עסן אין תפיסה. פון וואנען נישט אלע האבן זיך שוין צוריקגעקערט.

א פאר טעג שפעטער האבן די רוצחים אליין זיך איבערגעשטיגן. ווי לויט א סיגנאל, זענען אין דער זעלבער צייט אונטערגעצינדן געווארן אין אלע שטעט פון זאגלעמביע ווי אויך פון איבערשלעזיע אלע בתי־מדרשים און קלויזן, שילן ווי אויך א פאר גרויסע הייזער.

די פארברעכער זענען געשטאנען ביי די ברענענדיקע הייזער מיט מאשין־געווער און רעוואלווערן און געשאסן צו די יידן, ווי צי האן, די יידן זענען געשפרונגען פון די הויכע שטאק. די מערהייט זענען לעבעדיקערהייט פארברענט געווארן, אזוי, אז מען האט זיי אפילו שפעטער נישט געקאנט דערקענען.

די ווייטערדיקע יארן זענען געווען צייטן פון לאנגזאמער פארניכטונג, פון ארויסשיקן יעדע פאר טעג טראנספארטן אין די גאז־קאמערן פון אשוויענטשים. אין 1941 יאר האבן די פארברעכער איינגעפירט די געלע־לאטע מיטן מגן־דוד. אביסל שפעטער האט מען אויף תליות אויפגעהאנגען אומשולדיקע יידן פון בענדין, סאסנאוויץ, אלקוש. פאר דער ווייטערדיקער דעפארטאציע האבן די פאשיסטישע רוצחים נישט געגעבן די יידן קיין איין מינוט רו, די אומגליקלעכע זענען אומברחמנות געפייניקט געווארן. מען האט געטראטן מיט די פיס זייער מענטשלעכע ווירדע. דער שופא־פאליציאנט, מוטשקא, האט יעדן טאג זיך אויסגעקליבן אנדערע קרבנות. פון פארשידענע וווינונגען האט ער ארויסגעקליבן יידן אן אונטערשייד פון עלטער, מענער אין פרויען, און אויפן גאס זיי דערשאסן. דערביי האט ער געפאדערט זיי וואס שנעלער צו באגראבן.

ערב דער שאפן פון די געטאס אין בענדין און אין סאסנאוויץ, האט מען אינמיטן דערנאכט ארויסגעשלעפט הונדערטער מענער, פרויען און קינדער פון די בעטן און זיי געשיקט דארט, פון וואנען קיין צוריקקער איז נישטא. פון די שפיטעלער האט מען, דורך די פענצטער ארויסגעווארפן פיצלעך קינדער מיט די מאמעס גלייך אין לאסט־אויטאס, און פון דארט אין צוגרייטע וואגאנען קיין אשוויענטשים.

דערנאך איז פארגעקומען די גרעסטע אויסזידלונג, וועלכע האט געדויערט ארום 10 טעג. א פאר הונדערט עס־עס־באנדיטן האבן צוגעגרייט העכער 20 טויזנט יידישע נפשות, צו פארברענען אין די גאז־קאמערן פון אשוויענטשים. אין בענדין האבן די יידן געשטעלט א באוואפנטן ווידערשטאנד. דער סוף איז געווען א טרויעריקער. עס האבן זיך געוואלגערט אויף ד גאסן פון די גרויסע שטעט פון זאגלעמביע הונדערטע דערשאסענע. דאס אלעס האבן די רעשט־נאך פארבליבענע יידן געמוזט אויף ספעציעלע וועגעלעך צונויפזאמלען און אריינווארפן אין די וואגאנען.

דערמאנענדיק היינט די דאטעס פון 1939 און 1943. דערמאנענדיק די דאזיקע גרויליקע פאקטן, מוזן מיר באמערקן, אז פיל פון די נאצי־פארברעכער געפונען זיך נאך אלץ אויף דער פריי אין דער דייטשישער פעדעראלער רעפובליק. און נישט נאר דארט.

דער קריגס־פארברעכער רודאלף העס, וועלכער האט באקומען אין נירנבערג אייביקע שטראף, איז דורך זיין פאטערלאנד באלוינט געווארן מיט א מעדאל ווו עס איז אויסגעקריצט זיין פרצוף. מענגעלע מיט אריי אנדערע נאצישע גדולים לעבן פראנק און פריי אין אנדערע לענדער.

דאס ביסל לעבנגעבליבענע יידן פון זאגלעמביע, ווי אויך פון אנדערע שטעט וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די טראגישע יארן 1939—1945, זיי וועלן קיינמאל נישט מוחל זיין די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער. די גרעסטע שאנדע פון XX יארהונדערט קעגן דעם יידישן פאלק.

אבא שטולבערג

די שילער פון דער מיטלשול אין לא קארון (שפאניע) האבן באשלאסן צו באערן דעם 100־טן געבוירן־טאג פון פיקאסא, דורך מאלן א קאפיע פון זיין בארימט בילד „גוערניקא".

פאטא — צאפ

אונדזערע קארעספאנדענטן שרייבן:

ביים אנדענק־שטיין אין אטוואצק

דאנערשטיק, דעם 13־טן אויגוסט ד"י, אין די נאכמיטאג־שעהן זענען די קורגעסט פון יידישן אפרו־הויז אין שרודבארוו ארויסגעפארן קיין אטוואצק, צום אנדענק־שטיין, כדי אפצוגעבן כבוד און באערן די דערמארדעטע יידן. אין אויגוסט פאלט אויס די 38־טע יארצייט פון די אומגעבראכטע דורך די נאציס 5 טויזנט יידישע מענער, פרויען און קינדער.

ביים אנדענק־שטיין האט מען אנגעצינדן ליכט. א קראנץ לעבעדיקע בלומען מיט רויט־ווייסן באנד מיט אן אויפשריפט „די קרבנות פון היטלעריזם", האט געלייגט א גרופע מיטגלידער פון קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד צוזאמען מיט געוועזענע אסירים פון די דייטשישע לאגערן.

די חברטע רוט גוטקאווסקא האט דערמאנט די גרויליקע צייט פון דער דייטשישע אקופאציע, ווען די נאציס האבן אומגעבראכט א דריטל פון אונדזער פאלק. אין אלגעמיין זענען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אומגעקומען 45 מיליאן מענטשן פון פארשידענע לענדער. דערנאך האט דער שרייבער פון די שורות געמאכט אז „אל מלא רחמים" און געזאגט קדיש.

א באזונדערן דאנק קומט די חברטע פייגע נאענטא פון ליגניץ און די חברטע ליבע באטשאן פון לאדזש פאר מאכן דעם קראנץ. די אנוועזנדיקע זענען נאך לאנג געשטאנען ביים שטיין און דערמאנט די גרויליקע צייט.

א. מאנעטא

צום אנדענק
פון די בענדינער
יידן־קדושים

דעם 9־טן סעפטעמבער ד"י ווערט 42 יאר זינט די היטלעריסטישע רוצחים האבן פארברענט די סינאגאגע און דעם בית־מדרש אין בענדין און געווארפן לעבעדיקערהייט די אנוועזנדיקע מתפללים אין פייער. בלויז א טייל יידן זענען אפגעראטעוועט געווארן אדאנק דעם אידעלן פאליאק, פראבאשטש זאוואדזקי, וועלכער האט געעפנט אן אונטערשטן ארויסגאנג פון דער שכנותדיקער קירכע.

אין דעם זעלבן טאג האט די געסטאפא גענומען 42 עורבניקעס (זאקלאדניקעס), דערונטער 3 פאליאקן פון איין הויז אויף דער פילסודסקי־גאס (היינט ווארינסקי־גאס) און זיי אוועקגעפירט צו דער סטאראסטווע און אויפן פלאץ ביי דער געבידע צעשאסן.

דער פראבאשטש פון דער בענדינער קירכע האט אין דעם זעלבן טאג באקומען א באפעל צוצוגרייטן א מאסן־גרוב אויפן קריסטלעכן צווינטאר און אלע דערשאסענע אריינגעווארפן. די געסטאפא האט דערקלערט, אז דאס איז דערפאר, ווייל די „באנדיטן האבן געשאסן צו דער ווערמאכט"...

נאך דער באפרייונג בין איך אוועק צום פראבאשטש און געבעטן דורכצופירן אן עקסהומאציע פון די באגראבענע יידן, אבער דאס איז געווען אוממעגלעך. אפשר וואלט זיך די בענדינער לאנדסמאנשאפט אין אויסלאנד געהאלפן שטעלן אן אנדענק־שטיין פאר די יידישע קרבנות.

איך גיב אן די נעמען פון 19 אומגעבראכטע יידן: טאבאשקעוויטש, אלטער האמבורגער, הערש האמבורגער, פאטער לעשמאן, לעשמאן (זון), לעוואניטש און זיינע דריי זין, איזאק פרידמאן, קלמן מעלאך, לאזער מעלאך, לייב גראסמאן, שלמה שפיגלער, בוימגארטען פאטער און זון, אבעל איצקאוויטש, יואל ווינער, בירנבוים.

כבוד זייער אנדענק!

מאריאן שווארץ

„Folks-Sztyme" (Głos Ludu). Redaguje kolegium. Wydawca: Warszawskie Wydawnictwo Prasowe RSW „Prasa-Książka-Ruch", Al. Jerozolimskie 125. 02-017 Warszawa, tel. 28-24-11. Adres Redakcji: Pl. Grzybowski 3, 00-104 Warszawa (skr. poczt. 166 Warszawa 1); telefony: red. nacz. 20-05-48, z-ca red. nacz. i sekretarz 20-05-47. Dział red. i admin. 20-05-49. Dział Polski 20-05-42. Ogłoszenia przyjmuje Biuro Ogłoszeń Warszawskiego Wydawnictwa Prasowego RSW „Prasa-Książka-Ruch", ul. Poznańska 38, 00-689 Warszawa, tel. 28-23-09, jak również wszystkie biura ogłoszeń RSW „Prasa-Książka-Ruch" w miastach wojewódzkich. Ceny ogłoszeń: ramkowe — 18 zł za 1 cm kw.; nekrologi — 10 zł za 1 cm kw. Ogłoszenia drobne handlowe — 5 zł za 1 wyraz; osobiste — 5 zł za 1 wyraz. Prenumeratę przyjmują Oddziały RSW „Prasa-Książka-Ruch" oraz urzędy pocztowe i doręczyciele w terminach: do 10 każdego miesiąca (z wyjątkiem grudnia) poprzedzającego okres prenumeraty. Zakłady pracy, instytucje i organizacje składają zamówienia na prenumeratę w miejscowym oddziale RSW, a w miejscowościach, w których nie ma tego oddziału — w urzędach pocztowych bądź u doręczycieli. Natomiast prenumeratorzy indywidualni wyłącznie w urzędach pocztowych, w terenowych Kołach TSKŻ bądź u doręczycieli. Cena prenumeraty: kwartalnej — 39 zł, półrocznej — 78 zł, rocznej — 156 zł. Prenumeratę ze zleceniem wysyłki za granicę przyjmuje RSW „Prasa-Książka-Ruch", Centrala Kolportażu Prasy i Wydawnictw, ul. Towarowa 28, 00-958 Warszawa. Prenumerata ze zleceniem wysyłki za granicę jest droższa od prenumeraty krajowej o 50 proc. dla zleceniodawców indywidualnych i o 100 proc. dla zlecających instytucji i zakładów pracy. Skład i łamanie: PZGraf. RSW „Prasa-Książka-Ruch" ul. Nowogrodzka 84/86, 02-017 Warszawa; druk: PZGraf. „Prasa-Książka-Ruch". ul. Ordona 4. Nr indeksu 35818. Zam. 2086. L-117.

מעדיצינישע עצות

לויפן איז געזונט — מיט א מאס...

דער בעסטער וועג צו פארזיכערן קעגן קראנקהייטן און שוואכקייטן פון די מיטעלע און עלטערע יארן איז — צו עסן מיט א מאס געזונטע שפייזן, אויפהערן צו רויכערן, און האבן א רעגלמעסיקן פלאן פון פיזישער אקטיוויטעט. די דאזיקע עצות זענען שוין גוט איינגעקריצט אינעם מוח פונעם מאדערנעם מענטש, גלייך ווי זיי וואלטן געווען, להבדיל, די עשרת הדברות.

דורך פאלגן די דאזיקע עצות וועט איר פארמינערן די געפאר פון הארץ־קראנקהייט און פארבעסערן אייערע רעזערוון פון ענערגיע און געזונט אויף אויסצופירן אויף א בעסערן שטייגער אלע טעגלעכע ארבעטן און פארפליכטונגען. און אויפן ערשטן ארט האט מען געשטעלט „פיזישע אקטיוויטעט", וועלכע איז, לויט די ווערטער פון ד״ר אלעקסאנדער ליעף, פון דער בארימטער הארווארד אוניווערסיטעט, כמעט אזוי גוט ווי „א פיל קעגן אלט ווערן".

אויף א קאנפערענץ וועגן „פיזישע איבונגען און דאס פארעלטערן זיך", געהאלטן אין וואשינגטאן אין די נאציאנאלע אינסטיטוטן פאר געזונט, האט מען געקאנט הערן פיל באריכטן וועגן „פיזישער אקטיוויטעט" און איר באדייט פארן הארץ און די אדערן; די רעפערענטן האבן אויך ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז אזא אקטיוויטעט קאן העלפן די לונגען, ביינער, רעומאטיזם, פארדייונג, עצידות, און פארבעסערן די מעגלעכקייטן פון קאנטראל פון פעטלייביקייט און צוקער־קראנקהייט. אויך די גייסטיקע זייט און דאס געמיט פון א פערזאן ווערן דורך דעם „גינציק באאיינפלוסט".

אבער — עס זענען פאראן געפארן, ערנסטע געפארן, פון הארץ און געהירן אנפאלן, אויב מען איז נישט פארזיכטיק און מען כאפט איבער די מאס.

אפשר פופציק פראצענט יונגע און מיטל־יעריקע מענטשן אין אמעריקע, אריבער 100 מיליאן נפשות, האבן זיך געשטעלט פאר א ציל „אויסצואיבן" זיך פיזיש מיט א רעגלמעסיקן פלאן. ארום 30 מיליאן „לויפן", 40 מיליאן „שווימען" (אין באסיינען, ימען און טייכן) און 30 ביז 40 מיליאן מענטשן שפילן טעניס, גאלף, באלעם־שפילן און אנדערע ספארטן.

א סך מענטשן מיינען, אז זיי קענען זיך אריינלאזן אין די אינטענסיווע ספארטן, ווי טעניס, ווו מען מוז גוט לויפן און ממש שוויצן, אויב מ'וויל גוט דערפון געניסן, אידער דער קערפער איז איינגעאיבט און איז אימשטאנד אויסצושטיין די אינטענסיווע פיזישע ארבעט נאך יארן פון נישט־אקטיווקייט אין ביוראס, הינטער א שרייבטיש אדער „טעלעפאן־ארבעט", און מיט רויק פארפעסטעטע סביבות, שלעכטער דיעטע, קאפברעכעניש און צושטאנדן, וועלכע גראבן אונטער די נערוון און דאס געזונט. אט די מענטשן זענען באאיינפלוסט דורך ראדיא און טעלעוויזיע, וועלכע „פאפולאריזירן" פיזישע אקטיוויטעט. זיי מיינען, אז עס איז גענוג אנצוטאן קורצע הויזן און א ספארט־העמדל, מיט גומענע שיך „צו לויפן", כדי צו קענען ווערן ספארטלער איבערנאכט און „איינגעמען" איבונגען „ווי א פיל", א מעדיצין, וואס מ'נעמט איין אדער צוויי מאל אין טאג; זיי דערווארטן א באלדיקן דערפאלג, אבער לידן פון הייטיקן אין די ביינער, אברים און מוסקולן.

די דאזיקע „לויפער" פארגעסן, אז מ'דארף זיך צוערשט באראטן מיט א דאקטאר, וועלכער איז געניט אין „ספארט־מעדיצין" און גיט יעדן קאנדידאט א גענויע מעדיצינישע אונטערזוכונג און ארבעט אויס מיטן „פאציענט" א גענויעם און „שריט ביי טריט" פלאן פון איבונגען, וואס איז צוגעפאסט צו זיך פיזישן צושטאנד און עלטער. פיזישע איבונגען דארף מען באהאנדלען מיט דרך־ארץ און ווי א מעדיצין, א רפואה, וועלכע מען נעמט אין רעגלמעסיקע, צוגעפאסטע דאזעס, מאסן; מען מוז אויך נעמען אין באטראכט די מעגלעכע זייטיקע שלעכטע ווירקונגען, ווי די, וואס מיר זעען מיט יעדן מעדיקאמענט.

רעזולטאטן פון אזא נאכלעסיקייט אין צוגרייטן זיך צו א נייעם פלאן פון פיזישער „אויסארבעט" זעט מען פון צייט צו צייט אין „נייעס" אויף טעלעוויזיע אדער אין צייטונגען: א „דזשאגער" (לויפער), וועלכער האט אויסגעוויזן צו זיין אין א גוטן געזונט־צושטאנד, חלשט און פאלט א טויטער אויפן ארט", פון א הארץ אנפאל!

און נישט אלע טויט־פאלן געשעען ביי מיטל־יעריקע און עלטערע מענטשן; צווישן די קרבנות ווערן אריינגערעכנט יינגערע פערזאנען, איז אין פאל איז דאס אומגליק געשען ביי א 17־יעריקן יונגן מאן. נעמענדיק אין באטראכט די דאזיקע אומגליקספאלן, האבן זיך עטלעכע פארשער אונטערגענומען בשותפות אדורכצושטודירן די סיבות און זענען געקומען צו דער מסקנא, אז נישט תמיד געשעט אזא פאל צוליב פארהארטונג פון די ארטעריעס (ארטעריא־סקלעראז), בפרט ביי יינגערע מענטשן; זיי האבן געפונען ביי א צאל פון די מענטשן אן איינגעבוירענעם פעלער פונעם הארץ־מוסקול, וועלכער, אין צייט פון אנשטרענגונג, דורך שנעל איינציען זיך, דערשטיקט די ארטעריעס פונעם הארץ און דאס הארץ הייבט אן צו פלאטערן אויף אן אומרעגלמעסיקן אופן.

די דאזיקע אנאטאמישע פעלערישע סטרוקטור ווערט נישט פריצייטיק דערקענט דורך מעדיצינישע אונטערזוכונגען, אפילו דורך אויספרוון די ארבעט פונעם הארץ מיט אלע פארגעשריטענע אפאראטן און מעטאדן. און אזוי ווי דער „לויפער" איז נישט אימשטאנד צו וויסן, צי ער האט אזא איינגעבוירענעם פעלער, מוז ער זיין גאר פארזיכטיק אין זיינע צוגרייטונגען צו אנשטרענגנדיקע ספארטן.

אזא פארזיכט איז גינציק פאר יעדן איינעם, אלט און יונג, ווען מען נעמט אין באטראכט די גוטע מידות פון פיזישער אקטיוויטעט. דאס איז באוויזן מיט פארשונגען פון דאקטוירים פון דיוק אוניווערסיטעט (דורהאם, צפון קאראלינא), וועלכע זענען פארעפנטלעכט געווארן אינעם באוסטן „ניו אינגלענד דזשורנאל אוו מעדיסין". פון „פיזישער צוגרייטונג" אויף א 10־וואכן צייט ביי 69 געזונטע פערזאנען, אין דער עלטער פון 25 ביז 70 יאר. זיי האבן געוואלט אויסגעפינען, צי זיי האבן אויסגעפארשט די ווירקונגען אויסאיבונגען אונטער מעדיצינישן קאנטראל פארשטארקן דעם קערפערס מעגלעכקייט אויפצולייזן בלוט־קלאמפן.

ווי מיר ווייסן זענען אזעלכע בלוט־קלאמפן, וועלכע אנטשטייען אין אן ארטעריע פונעם הארץ, פון די געהירן אדער פון א גליד, די סיבה פון שווערע קאטאסטראפאלע הארץ־אטאקעס, געהירן־שלאג און גאנגרענע. ווען דאס געשעט, ווייסט מען, אז דער נארמאלער מעכאניזם פון דערהאלטן די פליסיקייט פונעם בלוט איז געשטערט און דאס בלוט פארגליווערט זיך אין די אדערן. דער נארמאלער קערפער האט אין זיך כעמישע שטאפן, גערופן ענזיימס, וועלכע ארבעטן אויס די נויטיקע פראטעאינען אויף הן צו פארגליווערן דאס בלוט, הן צו מאכן עס פליסיק.

וכד הווה; די פארשער האבן פעסטגעשטעלט, אז א פראגראם פון פיזישער „אויסארבעט" האט באדייטנדיק פארגרעסערט די כוחות אינעם בלוט צו צעלאזן פאראנענע בלוט־קלאמפן און צו דערהאלטן דאס בלוט אין א נארמאלן פליסיקן צושטאנד. ווען אן אדער איז צייטווייליק געווארן פארשטאפט, איז זי דורך פיזישער ארבעט אויפגעמאכט געווארן.

כמעט אין דער זעלבער צייט האט א גרופע פון דער באסטאן אוניווערסיטעט, מיט דער הילף פון א סובווענץ פון דער אמעריקאנישער רעגירונג, באוויזן די גינציקע ווירקונגען פון פיזישער ארבעט ביי עקספערימענטאלע חיות, דהיינו מאלפעס. ביי אט די חיות איז דאס הארץ און די בלוט־געפעס אנאטאמיש נאענט צו די מענטשלעכע ארגאנען.

די מאלפעס, וועלכע מען האט אויסמושטירט אויף א „טרעט־מיל" (א פלאטפארמע, וועלכע באוועגט זיך צוריק, ווען מען גייט פאראויס), האבן געהאט בעסער אנטוויקלטע לינקע הארץ־קאמערן (ווענטריקלען) און גרעסערע קאראנערי ארטעריעס (די בלוט־געפעס פונעם הארץ), ווי די, וועלכע מען האט נישט מושטירט. און דאס איז געווען דער פאל, אפילו ווען מען האט די מאלפעס געגעבן צו עסן גרעסערע מאסן שפייז „רייך" אין פעטשטאפן און כאלעסטעראל. דערמיט איז באוויזן געווארן, אז פיזישע איבונגען זענען „גוט" פארן הארץ.

א חוץ דעם הארץ, זענען אויך פאראן פאקטן, וועלכע ווייזן, אז פיזישע ארבעט איז גוט פארן געמיט, פארן כאגן, פאר די געדערים.

די מסקנא איז, אז „לויפן" איז געזונט, אבער מען מוז זיין פארזיכטיק און אלעס טאן מיט א מאס.

ד״ר פנחס ווינזאפט

די יידיש־ליגע וואקסט

די ניי אויפגעקומענע יידיש־ליגע וואקסט. עס זענען צו איר ביז איצט צוגעשטאנען הונדערטער שרייבערס, געלערנטע, קינסטלערס, פעדאגאגן, כלל־ און קולטור־טוערס און סתם יידן. צווישן זיי: עלי שעכטמאן (ירושלים), מ. צאנין (געוועזענער רעדאקטאר פון „לעצטע נייעס", תל־אביב), ש. סוסקאוויטש (רעדאקטאר פון „דווקא", בוענאס־איירעס), ד״ר אליהו שולמאן (רעדאקטאר פון „וועקער"), אהרן טהארן (געוועזענער רעדאקטאר פון „פרייע ארבעטער־שטימע"), איטשע גאלדבערג (רעדאקטאר פון „יידישע קולטור"), ד״ר שעיה טרונק ע״ה און פראפ. שיקל פישמאן (געוועזענע רעדאקטארן פון „ייווא־בלעטער"), פראפ. מרדכי שעכטער (רעדאקטאר פון „יידישע שפראך" און „אויפן שוועל"), זלמן שלאסער (רעדאקטאר פון „חשבון", לאס־אנדזשעלעס), ביילע שעכטער־גאטעסמאן (רעדאקטאר פון „קינדער־זשורנאל"), מאטעס אליצקי (מיטרעדאקטאר פון „קינדער־צייטונג"), אברהם שולמאן (געוועזענער רעדאקטאר פון „אונדזער שטימע", פאריז), שמואל ווייס (געוועזענער רעדאקטאר פון „גערעכטיקייט", ניו־יארק), מ.מ. שאפיר (מיטרעדאקטאר פון „אויפן שוועל"), וואלף טאמבור (געוועזענער רעדאקטאר פון „צייטשריפט פונעם רעליגיעזן יידנטום אין רומעניע", בוקארעשט), איציק גאטעסמאן (רעדאקטאר פון „יוגנטרוף") און דוד־אליהו פישמאן (געוועזענער רעדאקטאר פון „יוגנטרוף").

ווי אויך: מאשע בעניא, לילי בערגער (פאריז), ד״ר וו. גליקסמאן (פילאדעלפיע), הרב ד״ר דוד גרויבארד (שיקאגא), שמואל דייטש (שיקאגא), אסתר הירשביין־שומיאטשער, ד״ר הערשל און מרים הערבסט (לאס־אנדזשעלעס), משה וואלדמאן (פאריז), יהושע און רייזל וואלעצקי, ד״ר פנחס ווינזאפט, שרה און פרץ זילבערבערג (מאנטרעאל), י. זילבערבערג־כאלעווא (פער־לאן, נ״הש), ד״ר שרה־חנה זלאטניק (איטאקא, נ״י), חיים זעלצער (הוד השרון, ישראל), מלכה חפץ־טוזמאן (בוירקלי, קאליפ.), הערמאן טארבע (בעטעזדא, מ״ד), ג. טוביש (לאס־אנדזשעלעס), מלך טשעמני (ירושלים), פוליע טשערנער (לאס־אנדזשעלעס), הרב ד״ר מ. כהן (ווינלאנד, נ״דזש), פאניע לאפין, יחזקאל און רחל ליפשיץ, ד״ר שמריה לעווין (דעטרויט), חיים מאלטינסקי (איר יהודה, ישראל), מרדכי מייזל (מיאמי־ביטש), פרץ מיראנסקי (טאראנטא), י. מלמדאוויטש (שיקאגא), חיים סולער, פרידעלע עושר, משה פיעטרושקא, רעכל פאוסט, ד״ר ל. פוקס (האלאנד), פריד וויינינגער (ראשון־לציון, ישראל), רבקה קאפע (פאריז), חנן קיעל, מלך קארפינאוויטש (תל־אביב), ד״ר משה קיאק (בוענאס־איירעס), רחל ראוויטש (מאנטרעאל), ד״ר אסתר ראזענטאל־שניידערמאן (ירושלים), פראפ. י. ראטנבערג (וואלטאם, מאס.), י. א. ראנטש (לאס־אנדזשעלעס), מנוחה ראם (פאריז), ד״ר ליא ראסטען, מינדל רינקעוויטש, פראפ. וועלוול שאפיר (מעקמאסטער־אוניוו., האמילטאן, אנט.), אהרן שוסטער (מאנטרעאל).

ספעציעל ווילן מיר ארויסהייבן דער יידיש־ליגעס „וואקסן ווי אויף הייון" אין מיאמי־ביטש. איין אומגעוויינטלעך איבערגעגעבענער טוער — יאנקל קאזאלטשיק, דער לאנגיאריקער פארזיצער פון דער שולפארוואלטונג ביים יידישן צענטער אין האאיזונע — האט איינער אליין, אין משך פון די פארגאנגענע פינף חדשים, ווערבירט צוויי און דרייסיק מיטגלידער פאר דער יידיש־ליגע. ווער זאגט עס, אז נישט דער יחיד מאכט געשיכטע?

דער ציל פון דער יידיש־ליגע איז צו שטארקן די פאזיציע פון יידיש ווי א לעבעדיק לשון. פון פארשידענע קרייזן הערט מען דאך טרייסטווערטער, אז דער קיום פון מאמע־לשון ווי די שפראך פון א וועלט־ליטעראטור איז פארזיכערט אויף אייביקע צייטן. די יידיש־ליגע וויל אבער פארזיכערן דעם מעמד פון יידיש אויך ווי א גערעדט לשון, דאס הייסט, ווי א לעבעדיק לשון. מענטשן וואס דערקלערן זיך אין ליבשאפט צו יידיש, אבער ביי זיך אין שטוב רעדן זיי ענגליש, פראנצויזיש, שפאניש אא״וו, העלפן שאפן א צינישע באציונג צום קיום־גראנגל פון דער מאמע יידיש.

די יידיש־ליגע קעמפט צו העכערן דעם סאציאלן פרעסטיזש פון דער יידישער שפראך, פאר איר איינהייטלעכן אויסלייג און פאר איר מאדערניזירונג. די יידיש־ליגע פרווט איבערצייגן יידן, אז זיי זאלן זיך פאר יידישע קולטור־צוועקן נישט באשטייערן מיט פינעוועדלעך, נאר מיט גרויסע, ממשות־נוהג פאר אנדערע תכליתים. דער דיקע סומעס, פונקט ווי זיי זענען זיך שווערער מצב פון יידיש פאדערט וויזיע, גרויסע פארמעסטן, ווי אויך ווארעמקייט, חברשאפט איינס צום אנדערן.

נפתלי באטווין — דער גרויסער העלד

(סוף פון זייט 5)

די ידיעה, אז דער מלוכה־פרעזידענט האט אפגעווארפן די ביטע פון באגנעדיקונג האט נפתלי באטווין איפגענומען גלייכגילטיק.

דעם 6־טן אויגוסט, 1 בייטאג איז באשטימט געווארן די עקזעקוציע אויפן פון דער „בריגידקי־תפיסה".

דרייסט מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ איז נפתלי געגאנגען דעם טויט אנטקעגן. ער האט זיך נישט געלאזט פארביינדן די אויגן. די העלדישע האנדלונג פון באטווינען האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויפן עקזעקוציע־פלוטאן, וועלכער האט זיך אפגעזאגט אויסצופירן דעם אורטייל. דעם זעלבן ביישפיל האט נאכגעטאן א צווייטער פלוטאן. דער אנוועזנדיקער אפיציר האט אים פערזענלעך דערשאסן פון זיין רעוואלווער. גייענדיק צום טויט האט נפתלי באטווין געזונגען דאס רעוואלוציאנערע ליד: „א טשעשטש וואם פאנאוויע מאגנאטשי!".

די ידיעה וועגן אויסגעפירטן טויט־אורטייל איבערן יינגן רעוואלוציאנערן העלד האט עלעקטריזירט דאס גאנצע לאנד און ארויסגערופן א שטורעם פון פראטעסטן אויף דער גארער וועלט. אין די פאבריקן און ווארשטאטן פון גרויסע פוילישע שטעט זענען פארגעקומען טרויער־פארזאמלונגען און גאסן־דעמאנסטראציעס. אויף די טעלעפאן־דראטן אויפן היסטארישן גזשיבאווער־פלאץ און אויף דער גורטשעווסקי־גאס אין ווארשע זענען אויפגעהאנגען געווארן רויטע פענער מיט אויפשריפטן: „כבוד דעם אנדענק פון דעם יינגן העלד נפתלי באטווין!", „א טויט די פראוואקאטארן!". אין די תפיסות אין גאנצן לאנד האבן די פאליטישע ארעסטירטע אנגעטאן רויט־שווארצע טרויער־בלימלעך.

באטווינס דרייסטע טאט — האט געשריבן אין א ספעציעלן אויפרוף דער צ.ק. פון קפפ — אויסגעפירט מיט גרענעצלאזער מסירת־נפש, האט ארויסגערופן ביי די ארבעטער און פויערים אין פוילן אנערקענונג, באוואונדערונג און סימפאטיע".

אין א „בריוו צו דער משפחה פון חבר באטווין" — האט די פאליטישע ביורא פון צ.ק. פון ר.ק.פ געשריבן: „דער חבר באטווין וועט אויף אייביק פארבלייבן אין אונדזערע הערצער אלס אומבויגזאמער קעמפער פאר דער ארבעטער־זאך".

דער מארד איבער באטווינען און שפעטער איבער היבנער, קניעווסקין און רוטקאווסקין האט אויפגעטרייסלט דאס געוויסן פון אלע ערלעכע מענטשן אויף דער וועלט.

אין ראטנפארבאנד זענען פארגעקומען מאסן־מיטינגען. פון אלע ווינקלעך פון גרויסן ראטנלאנד זענען אנגעקומען טויזנטער פראטעסט־טעלעגראמען.

אין פראנקרייך האבן פארעפנטלעכט א שארפן פראטעסט 61 בארימטע שרייבער און אינטעלעקטואלן, צווישן זיי אנרי בארביס, פאול אראגאן, פאול עלואר, זש. רישארד בלאק. עס האבן פראטעסטירט די קאמוניסטישע און סאציאליסטישע פארטייען, די אנטיילנעמער פון וועלט־קאנגרעס פון פרייען געדאנק, וואס איז יענע טעג אפגעהאלטן געווארן אין פאריז. דער דעמאלטיקער אויסערן־מיניסטער פון פראנקרייך בריאן, האט טעלעגראפיש אינטערווענירט ביי דער פוילישער רעגירונג וועגן אפהאלטן די עקזעקוציע.

אויך די פוילישע אמבאסאדע אין לאנדאן האט באקומען פיל טעלעגראמעס פון פראפעסיאנעלע פאריינען מיט פראטעסטן קעגן בישעוועגדיקן ווייסן טעראר אין בורזשואזן פריצישן פוילן.

די ארבעטנדיקע פון דער פראנצויזישער שטאט באביני האבן באשלאסן אנצורופן איינע פון די גאסן אויף באטווינס נאמען.

אין די טראנשייען פון די שפאנישע שלאכט־פעלדער איז אין א קאלטן דעצעמבער־טאג פון 1937 יאר, באשלאסן געווארן אנצורופן א ראטע א״נ פון דעם רוםפולן העלד. דאס איז א קאמפס־איינהייט וועלכע איז דורך דער קאמאנדשאפט פון רעפובליקאנישע שפאניע באלוינט געווארן מיט די העכסטע אויסצייכענונגען. די פאן פון דער באטווין־קאמפאניע געפינט זיך היינט אינעם מוזיי פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין ווארשע.

56 יאר זענען שוין אדורך זינט באטווינס אומגעהייער־געוואגטער טאט און העלדישן טויט. זיין נאמען איז טיף איינגעקריצט אין די הערצער פון ארבעטער־קלאס. זיין נאמען וועט אייביק לעבן אין דער געדעכעניש פון די יידישע מאסן, פון דער יידישער יוגנט נישט בלויז פון אונדזער לאנד, נאר פון דער גאנצער וועלט. ווי א סימבאל פון אומבויגזאמען קאמף פאר פרייהייט און יושר, פאר שלום און סאציאליזם.

מיר דערמאנען בכיוון היינט די דאזיקע דאטע, כאטש זי איז נישט קיין קיילעכדיקע, בכדי נאכאמאל אונטערצושטרייכן דעם העלדנמוט, מסירת־נפש און געוואגטקייט פון יידן־רעוואלוציאנערן, אן אלטער היסטארישער אמת, וואס אלערליי נאציאנאליסטיש־שאוויניסטישע עלעמענטן אין אונדזער לאנד באמיען זיך אפצולייקענען, פעלשנדיק אזוי ארום די געשיכטע.

א. קאפלאן

90־טער געבוירן־טאג פון יוסף לעפטוויטש



אין לאנדאן גרייט זיך די דארטיקע יידישע געזעלשאפטלעכקייט ברייט אפצומערקן דעם 90־סטן געבוירן־טאג פון דעם באוווסטן יידיש־ענגלישן שרייבער, איבערזעצער און פארשטייער פון דער יידישער ליטעראטור — יוסף לעפטוויטש, שליסט זיך איין אין דעם דאזיקן שיינעם יובילײ די ארגאניזירטע יידישע געזעלשאפטלעכקייט. פון פוילן און ווינטשט דעם בעל־יובל אסך געזונט און ווייטערדיקער שעפערישקייט.

יוסף לעפטוויטש האלט זיך פאר א פוילישן ייד, כאטש ער איז געבוירן אין האלאנד, דערפאר, אבער שטאמען זיינע עלטערן און אויך אור־עלטערן פון פוילן. איינער פון זיינע זיידעס האט געלעבט אין דעם פוילישן שטעטל קאנסקע־וואליע. די הייסע געפילן צום יידישן ישוב אין פוילן האט ש. לעפטוויטש געבראכט צום אויסדרוק אין זיין ליטעראַרישן שאפן, אין זיינע לירישע לידער און באזונדערס אין זיינע איבערזעצונגען פון יידיש־פוילישע דיכטער און פראזע־מייסטער: י.ל. פרץ, שלום אש, יוסף אפאטאשו, אפרים קאגאנאווסקי און די היינטצייטיקע שרייבער.

א באזונדער וויכטיק קאפיטל איז זיין ראל ביים ארגאניזירן די הילף פארן ניי־אויפגעבויטן יידישן ישוב אין פוילן נאכן חורבן. דאס האט ער צוזאמען מיטן פריינד ל. קוועטל, געזארגט דערפאר, אז די על־פי־נס־לעבנגעבליבענע יידן זאלן האבן ארבעטס־געצייג און רוישטאפן אין די ניי־אויפגעשטעלטע ווארשטאטן, זיי זאלן באקליידט און באשוכט ווערן, באקומען די נויטיקע מעדיקאמענטן, פאר וואס זיי זענען פיל מאל באדאנקט געווארן דורך די יידישע ארגאניזאציעס אין אונדזער לאנד.

יוסף לעפטוויטש צוזאמען מיט זיין פרוי האט פיל מאל באזוכט פוילן, געקומען מיט א טרייסט־ווארט צו די פולגעליטענע יידן, געווען אויף די ווארשעווער געטא־פייערונגען, געטראפן זיך מיט פיל יידישע געזעלשאפטלעכע קולטור־טוער אין ווארשע, לאדזש, טשענסטאכאוו, קראקע, באשטימט מיט זיי די פארמען פון דער נייטיקער הילף און אימעטום האבן זיי געוווּנען גוטע פריינד, מיט וועלכע זיי שרייבן זיך דורך עד־היום. יוסף לעפטוויטש האט דערנאך געשריבן זיינע אינטערעסאנטע איינדרוקן פון די באזוכן אין פוילן.

ביי דער געלעגנהייט פון דעם שיינעם יובילײ ווילט זיך אויך דא אונטערשטרייכן, אז יוסף לעפטוויטש האט גרויסע פארדינסטן אויפן געביט פון דער ליטעראטור, באזונדערס ביים באקענען די נישט־יידישע לייענער מיט די פערל פון דער יידישער קלאסיק. ער איז דער אויטאר פון דריי אנטאלאגיעס פון דער יידישער פאעזיע, פראזע און עסייאיסטיק, איבערגעזעצט דורך אים אין דער ענגלישער שפראך. ער האט איבערגעזעצט א בוך דערציילונגען פון אונדזער גרויסן יצחק לייבוש פרץ און פארזען דאס בוך מיט א גרעסערער הקדמה. ער האט אויך געמאכט איבערזעצונגען פון שלום אש, זלמן שניאור, סטעפאן צווייג, מאקס בראד. חוץ דעם האט ער ארויסגעגעבן צוויי בענד אייגענע לידער אין ענגליש און פארעפנטלעכט זיינע לידער אין יידיש אין פארשידענע זשורנאלן אויף דער וועלט. ער האט פארעפנטלעכט דאס גרויסע ביאגראפישע ווערק „ישראל זאנגוויל". יוסף לעפטוויטש האט געשריבן ערנסטע אפהאנדלונגען וועגן דער יידישער שפראך און ליטעראטור אין דער „ענציקלאפעדיא בריטאניקא", אין טשיימבערס ענציקלאפעדיע און אין וואלענשטיינס „דזשואיש ענציקלאפעדיע".

לכבוד דעם שלום־עליכם־יאר האט ער פארעפנטלעכט אן ארבעט וועגן אונדזער גרויסן קלאסיקער אין דער אויסגאבע „אונעסקא־קוריער".

עטלעכע פערציק יאר איז יוסף לעפטוויטש פארשטייער פון דער יידישער ליטעראטור אינעם אינטערנאציאנאלן פען־קלוב, ווו ער האט זיך קונה שם געווען מיט זיינע ארויסטריטן אויף די שרייבער־קאנגרעסן, פאפולאריזירנדיק די אויפטוען פון די יידישע שריפטשטעלער.

אונדזער בעל־יובל איז א גרויסע פערזענלעכקייט אינעם יידישן ישוב אין ענגלאנד. ער איז טעטיק אין פארשידענע ליטעראַרישע אינסטיטוציעס, ארבעט מיט מיט ליטעראַרישע אויסגאבן, שרייבט און זעצט איבער פון יידיש אויף ענגליש און פון אנדערע שפראכן אויף יידיש. לעצטנס האט ער איבערגעזעצט אין יידיש די אינטערעסאנטע מעמואַרן פונעם אנארכיסטישן שרייבער און טוער רודאלף ראקער. ער האט אויך איבערגעזעצט די ווערק פון דעם טאלאנטפולן פראזאיקער שמואל לעוויק, וועמענס 25־טע יארצייט מיר האבן לעצטנס אפגעמערקט.

פאר אונדז, פוילישע יידן, איז יוסף לעפטוויטש קודם־כל א לייבלעך־נאענטער און הארציקער מענטש. א גוט־ווונטשער פון אונדזער יידישן ישוב, א מענטש, וואס איז תמיד גרייט צו העלפן נויטבאדערפטיקע, מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די הילף פאר די פוילישע יידן גלייך נאך דער באפרייונג, וואס ער האט געטראגן אלס פארשטייער פון דער סאציאלער אינסטיטוציע.

זייט באגריסט ליבער פריינד יוסף לעפטוויטש מיט אייער יובילײ! מיר ווונטשן אייך אויף דעם היימיש־טראדיציאנעלן אופן: ביז 120 יאר!

אברהם קוואטערקא

Rzeczpospolita wielu narodów

(Dokończenie ze str. 12)

Dane statystyczne, pochodzące z oficjalnych źródeł, nie są kompletne. Przede wszystkim brak jest dla pierwszych lat powojennych danych o emigracji sezonowej do Niemiec, która wówczas odbywała się nielegalnie. Władze polskie bowiem nie chciały zaakceptować narzucanych przez rząd niemiecki warunków niekorzystnych dla emigrantów. Rozmiary wychodźstwa nielegalnego zapewne były niezbyt duże. Dopiero od 1926 r., po zawarciu porozumienia regulującego zasady emigracji, wędrówki „na Saksy” zaczęły być rejestrowane przez statystykę. Prawdopodobnie nadal utrzymał się niewielki margines wyjazdów nielegalnych, lecz nie decydowały one o ogólnym obrazie ruchu migracyjnego.

Niemcy były najważniejszym krajem emigracji sezonowej dla Polski. W latach trzydziestych zapoczątkowano także wychodźstwo do krajów nadbałtyckich, lecz na mniejszą skalę.

Emigracja zamorska miała charakter trwały. Wprawdzie wiele osób zamierzało przepracować w Ameryce tylko pewien czas, zgromadzić pieniądze i powrócić do kraju, lecz w praktyce wracała tylko część z nich. Do wyjazdu zmusił dopiero wielki kryzys gospodarczy, gdy pozbawieni pracy wychodźcy, po wyczerpaniu oszczędności, decydowali się niekiedy na powrót, by w rodzinnym gospodarstwie, mieć choćby tylko najskromniejsze możliwości przeżycia.

Zwrócić warto uwagę, że właśnie w latach 1931—1935, gdy nad całym światem kapitalistycznym ciążył kryzys i powszechnie odczuwano nadmiar rąk do pracy, emigracja z Polski zmalała do niewielkich rozmiarów, okazała się też niższa od powrotów do kraju. Wprawdzie w następnych latach wychodźstwo ponownie wzrosło a reemigracja zmalała, lecz odpłw rąk roboczych z Polski był nadal znacznie niższy od stanu przed 1930 r. Można więc powiedzieć, że jedynie w latach dwudziestych emigracja zarobkowa z Polski oddziaływała na złagodzenie napięcia na rynku pracy i sprzyjała zmniejszeniu tempa wzrostu przeludnienia wsi. W następnych latach — gdy problemy związane z poszukiwaniem zarobku w kraju stały się szczególnie dotkliwe — rola ruchów migracyjnych okazała się niewielka. Nic dziwnego, że władze państwowe poszukiwały najrozmaitszych możliwości pobudzenia wychodźstwa, poszukiwały nowych terenów potrzebujących osadników, zarazem zaś starały się powstrzymać powroty — zwłaszcza, gdy chodziło o ludzi pozbawionych środków do życia.

Jednym z takich pomysłów, które miały ułatwić zwiększenie rozmiarów wychodźstwa stało się w latach trzydziestych poszukiwanie obszarów nadających się na kolonie dla Polski. Początkowo traktować to można było jako niezbyt poważne inicjatywy osób naiwnych politycznie. W 1930 r. zasłużona dla propagowania problematyki morskiej organizacja — Liga Morska i Rzeczna — przyjęła pompatyczną nazwę Ligi Morskiej i Kolonialnej, poczem zaczęła publikować rozmaite mniej lub więcej solidne studia na temat Afryki i Ameryki Łacińskiej. Ich autorzy rozpatrywali klimat, warunki naturalne, zaludnienie, itp., z punktu widzenia szans zorganizowania osadnictwa polskich rolników. Bardziej rzeczowe studia doprowadziły do wniosku, że Afryka nie może być terenem masowego osadnictwa chłopskiego (a tylko takie mogłoby choć trochę złagodzić głód ziemi w kraju), co najwyżej zaś liczyć można na osadnictwo przedsiębiorców dysponujących kapitałem. Próby pobudzenia takich przedsięwzięć nie miały szans powodzenia. Nieudane okazały się próby zakładania plantacji w Liberii. Nie przyniosła efektów wyprawa Mieczysława Lepeckiego na Madagaskar w 1938 r., gdzie również badał możliwości osadnictwa. M.in. do skierowania tam wychodźstwa Żydów polskich wzywały niektóre organizacje prawicowe.

Wszystko to nie przeszkadzało Obozowi Zjednoczenia Narodowego wystąpić w lutym 1939 r. z postulatem przyznania Polsce kolonii w Afryce, zaś minister Józef Beck podniósł tę kwestię w rozmowie z ambasadorem brytyjskim. Współczesny historyk wszystkich tych projektów nie może brać całkowicie poważnie.

Jedynie z dużym przybliżeniem możemy przedstawić narodowościową strukturę emigracji z Polski. Dane, którymi dysponujemy zawierają jedynie informacje o wyznanu osób, które otrzymały paszporty, ewentualnie o miejscu ich wydania.

Pod względem rozmiarów emigracji stałej przodowały województwa lwowskie i tarnopolskie, zamieszkałe w dużej mierze przez Urąkińców. Stosunkowo znaczna była też emigracja z pozostałych województw ukraińskiego obszaru językowego. Badania statystyków ukraińskich wskazują, że wśród emigrantów przeważali Ukraińscy. Charakter wychodźstwa był odmienny dla poszczególnych grup narodowych. Wśród Polaków przeważały wyjazdy sezonowe, wśród Ukraińców — wychodźstwo stałe, jakkolwiek i sezonowe było znaczne, natomiast Żydzi wyjeżdżali niemal wyłącznie na stałe. Takiej strukturze wyjazdów sprzyjała świadoma polityka władz, które m.in. tą drogą usiłowały wzmocnić pozycje ludności polskiej, kosztem mniejszości narodowych.

Specyfika migracji żydowskiej kształtowała się pod wpływem kilku czynników. Emigracja sezonowa wywodziła się niemal wyłącznie ze wsi i kierowała do pracy w rolnictwie, a przecież niewielki tylko odsetek Żydów pracował w tym dziale gospodarki. Wyjeżdżali oni natomiast przede wszystkim z małych miasteczek, kierując się do nierolniczych działów zawodu. Nieraz o kierunkach tych decydował przypadek, jednak najchętniej wyjeżdżano tam, gdzie istniały już środowiska żydowskie, które mogły dać oparcie nowym przybyszom. Emigracja do Ameryki oraz do rozmaitych krajów Europy miała jednoznacznie charakter zarobkowy. Wychodźstwo do Palestyny natomiast łączyło rozmaite elementy. Organizacje syjonistyczne przedstawiały budowę państwa żydowskiego jako jedyne rozwiązanie kwestii żydowskiej, toteż cześć emigrantów kierowała się myślą współdziałania w tym zadaniu narodowym. Dążenia te wzmagała trudna sytuacja ekonomiczna Polski, a w rezultacie trudno wyjazdy do Palestyny traktować wyłącznie jako wychodźstwo z motywów ideologicznych.

W latach trzydziestych dołączył się dodatkowy motyw. Wzmagający się antysemityzm w Niemczech hitlerowskich, a następnie przejmowanie niektórych wzorów przez skrajną prawicę polską, wytworzyły u wielu Żydów poczucie niepewności. Do Palestyny starali się m.in. wyjechać Żydzi polscy przebywający w Niemczech, narażeni na potęgujące się prześladowania narodowych socjalistów. Tam również kierowali się niektórzy wychodźcy z opanowanego przez hitleryzm Wolnego Miasta Gdańska.

Emigracja w latach 1927—1938 według kierunków i wyznania w tysiącach osób

Rodzaje i kierunki emigracji	Wyznanie			
	rzymskokatol. obrządku łac.	grec.	prawosł.	mojżeszowe
Wyjazdy sezonowe	393,1	10,0	31,7	0,6
do Niemiec	330,2	7,9	0,2	0,5
do Łotwy	60,1	2,1	29,3	0,1
do Estonii	2,8	—	2,2	—
Wyjazdy stałe	393,7	105,0	55,8	198,6
w tym:				
do Francji	274,5	41,6	3,4	9,0
do USA	15,4	2,0	1,0	27,6
do Kanady	34,1	35,3	10,5	13,5
do Argentyny	29,9	20,0	25,1	33,7
do Brazylii	8,4	2,8	5,9	13,0
do Palestyny	0,0	—	0,0	73,7

Kilka słów o literaturze.

Przed wojną literatura na tematy emigracyjne była niezmiernie bogata. W ostatnich latach wzmaga się ponownie zainteresowanie tymi zagadnieniami wśród historyków. Z tych publikacji wymieniam cztery książki, dające przegląd najważniejszych zagadnień: Mechanizmy polskich migracji zarobkowych. Warszawa 1976; Employment-seeking emigrations of the Poles world-wide XIX and XX c. Kraków 1975; H. Janowska, Polska emigracja zarobkowa we Francji (1919—1939). Warszawa 1964; L. Landau, Wychodźstwo sezonowe na Łotwę i do Niemiec w 1937 roku. Warszawa 1966. Kilka książek znajduje się w druku.

PROF. DR
JERZY TOMASZEWSKI

HENRYK HARTENBERG

„Fascynacja”

I chociaż wszystko wiedziałem (nie wiedząc jeszcze nic)
Od kołyski było już za późno — od pierwszego
Spojrzenia od pierwszego dotyku i słuchu

A za oknem — w mrokliwym sitowiu śpiewał ptak
Pieśń barwną odwieczną
O powstawaniu i odejściu
O miłowaniu i cierpnieniu

A czas w swojej doskonałości przemijał i powracał
Ażeby trwać
W dysonasie i metamorfozie zamieniając tylko
Kształt harmonię i obraz

A ja zasłuchany w to przecudowne oratorium
(Najcichsze z najcichszych) żeglowałem razem
Z obłokami przez dalekie krainy gdzie aniołowie
Są tacy biali — jak gdyby krew w nich nigdy
Nie krążyła — gdzie człowiek niezmiennie dąży
Do najczystszej bieli — jak gdyby zapomniał
O krwi czerwonej
Wtedy nie wiedząc jeszcze (chociaż wszystko
Wiedziałem) że czerwie zamieniają w szatański
Sabat każde łono zbliżając stygnięcie i rozpad

A czas w swojej doskonałości trwał
Rozsypując niebotyczne skały w pył i piasek
Najczystsze rzeki przemieniał w muł i błoto
A nas — nas w pamięć która gaśnie i przemija

I oto pewnej nocy
Przestałem żeglować razem z rozwichrzonymi
Obłokami i znalazłem się nad brzegiem wielkiej wody
Otwierając szeroko oczy zobaczyłem w zdumieniu
Najwyższym świat pulsujący miliardem świateł
I niebo błękitne — najbłękitniejsze pod którym
Zielone fale podobne do biblijnych świętych ryb
Podchodziły do mnie tak przyjaźnie
A potem powracały w jasność — daleką nieznaną

O — te tajemne głosy wychodzące z głębi wód
I ten blask muszli wyrzuconych na wilgotny piasek
I ten księżyc — taki czysty okrągły jak wybrańców
Kołyska dziecięca
I jeszcze liryczny obraz ptaków uciszonych
Nad głowami zakochanych
Wtulonych w siebie jak gwiazdy w otwartą
I ciepłą noc

Po prostu fascynacja

Teraz już wiem (nie wiedząc jednak nic)
Jest poezja i pragnienie
Jest rozpad i powstawanie
Jest drzewo mądrości i prawdy

I człowiek —
Wrysowany w misterium dobra i zła
Wciąż powraca
W ocalenie

O — te wieczne niespełnienia

SZOŁEM ALEJCHEM

Z jarmarku

„PENSJA”

Ojciec murem stoi po stronie „ucznia”. Bohater uzyskuje stypendium. Szum w mieście. Sny o skarbie zaczynają się spełniać.

Łatwo powiedzieć, trudniej wykonać. Wstąpienie do „Ujezdnoj” okazało się sprawą wcale nie łatwą. Rzecz przebiegała niezupełnie gładko. Pierwszą przeszkodą na drodze do szkoły okazał się stryj Pinie. Poruszył niebo i ziemię. Jak można — dowodził — wziąć dzieci i własnymi rękami zrobić z nich gojów? Perorował, przeżywał i nie przestawał niepokoić się póki nie wziął od swego brata słowa honoru, że ten nie pozwoli im przynajmniej w sobotę pisać. Ten warunek wymógł już na dyrektorze (smotritiel) „Ujezdnoj” Nachum Rabinowicz wcześniej. Doszedł z nim do porozumienia, że jego dzieci będą miały wolny dzień w sobotę. Jeszcze jeden warunek wymógł Nachum na dyrektorze (był to czas gdy Żydzi mogli dyktować warunki), a mianowicie, że jego dzieci nie będą w klasie podczas godziny lekcyjnej popa. Stanęło na tym jak sobie Nachum życzył.

Drugą przeszkodą dla dzieci był język. Przy wstąpieniu do szkoły mało rozumiały po rosyjsku. Wszyscy śmiali się i pokpiwali z nich. Zarówno nauczyciele jak i koledzy. Odnosiło się wrażenie, że nawet ławki szkolne z nich się śmieją. Napawało to Szołema gniewem. Sam był przyzwyczajony do wyśmiewania całego świata, a tu raptem śmieją się z niego! A koledzy, szajgece nie stali z założonymi rękami. Ledwo lekcja dobiegła końca, dzieci żydowskie, te tak zwane żydziątka, pojawiały się na podwórzu szkolnym, a już za przeproszeniem szajgece powalali je na ziemię. Bez cienia złości, przeciwnie, z dużą dozą humoru, trzymając je za ręce i nogi, wysmarowali żydowskie gęby gojską wieprzowiną. Z ciężkim sercem wracały do domu słowa nie powiedziawszy rodzicom. Bały się, że mogą je wypisać ze szkoły. I bez tego macocha wściekała się i kopała dołki pod tymi, jak je zwała „klaśnikami” czyli uczniami Ujezdnoj szkoły. A jako, że Szołem był bardziej pilny od innych, więc poddawany był przez nią większym szykanom. Tymczasem wydarzyła się historia, która podcięła skrzydła macosze. Od tej chwili stała się cicha, spokojna. A rzecz tak się miała:

Pewnego pięknego poranka Szołem chodząc po pokoju wkuwał na głos „urok”. Powtarzał z pamięci zadaną lekcję. Ojciec w tym samym czasie odziany w tałes i tefilin modlił się. Macocha zaś robiła swoje, to znaczy pastwiła się nad ojcem. Wypominała mu stary grzech jaki kiedyś względem niej popełnił. Chodziło jej o to, że przed ślubem nie podał wszystkich swoich dzieci. Tych starszych i tych najmłodszych. Puściła wodze swoim narzekaniom na temat zbyt dużego apetytu do jedzenia jaki mają jego dzieci i jakie to mają zdrowe żołądki. Nie zapomniała też „wyrazić” się o całej jego „rodzince”. Ojciec na to wszystko pozostawał głuchy. Stał twarzą obrócony ku ścianie i modlił się. Jakby nie o niego chodziło. Ale oto wzięła na jęzor Szołema za to, że chodzi i wkuwa.

A ten gagatek szkolny myśli sobie, że Bóg wie z jakiego rodu pochodzi. Uważa się już za wielkiego pana, wolnego od wszelkich obowiązków. Z wyjątkiem oczywiście żarcia. Myślałby kto, że mam tu pod ręką liczną służbę, że mam do dyspozycji służących i służące. Nic nie szkodzi. Nie będzie poniżej twojej godności, ty gagatku uczniowski w wykrzywionych butach, jeśli pofatygujesz się z zaniesiesz gościowi samowar. Nie spadnie ci z tego powodu, broń Boże, korona z głowy. Apetytowi twemu też nie zaszkodzi. Nie przeszkodzi ci też z pewnością w przyszłej żeniaczce.

Uczeń był już gotów zrezygnować z powtarzania lekcji. Już zamierzał pójść do kuchni po samowar, a tu jak ci ojciec nie skoczy, nie złapie go za rękę i gwałtownie nie krzyknie po hebrajsku (nie chciał przerywać modlitwy):

Nie! Nie! W żaden sposób! Nie trzeba! Nie życzę sobie! Nie chcę! Ostatnie zdanie zakończył już po żydowsku. Z ogniem natarł na macochę. Po raz pierwszy może od chwili gdy została jego żoną. Pod żadnym pozorem nie wolno jej dysponować Szołemem! Może rozkazywać wszystkim dzieciom ale nie Szołemowi. Szołem, to nie to, co wszyscy. Szołem ma się uczyć!

Raz na zawsze! Tak sobie życzę! Tak to jest i tak to będzie!

Czy dlatego, że każdy despota, każdy „bicz boży” gdy usłyszy trochę głośniejsze słowo wpada w strach i milknie, czy też dlatego, że był to pierwszy opór postawiony przez ojca od chwili ich poznania, fakt, że stał się cud, macocha zagryzła wargi i spotulniała niczym kotka.

Od tego czasu w stosunku do Szołema zmieniła się nie do poznania. To znaczy, że docinków i przekleństw nie skąpiła mu nadal. Szkołę wypominała mu na każdym kroku. Dawała do zrozumienia, przesadzając jak zwykle, że zużywa cały pud papieru w ciągu tygodnia i trzy butelki atramentu w ciągu dnia. Celowo zapomniała nalać nafty do lampy na noc, przygotować śniadanie i wiele innych rzeczy. Za to przestała nim się rozporządzać. Chyba, że po dobroci. Gdy sam chciał jej w czymś pomóc. To doglądać samowara, to ukołysać dziecko do snu. Jeśli w taki sposób, to bardzo proszę.

Szołemie, powiada do niego macocha z takim typowym dla Berdyczewa zaśpiewem, powiedz, co to jest takiego, że jak ty tylko spojrzysz na samowar, to ten natychmiast zaczyna kipieć?

Albo tak: Szołemie, chodź no tu! Dlaczego przy tobie dzieci zasypiają natychmiast? Albo znów tak: Szołemie! Jak długo trwa u ciebie skok na targowisko? Pół minuty? Co ja mówię. Nawet nie pół minuty.

Na dodatek szczęście też mu trochę dopisywało. A jak szczęście sprzyja to wszędzie. Pewnego razu sam dyrektor Ujezdnoj pociągnął go za ucho i polecił, żeby ojciec stawił się u niego osobiście w kancelarii. Ma mu coś ważnego do zakomunikowania. Usłyszawszy, że pan dyrektor sam, we własnej osobie wzywa go, Nachum Rabinowicz nie dał się długo prosić. Włożył sobotnią kapotę, jeszcze bardziej podwinął pejsy i tak już dosyć podwinięte i udał się do dyrektora. Ciekaw był co ten ma mu do powiedzenia. I tu okazuje się rzecz następująca: Szołem uczy się doskonale. A skoro tak, to on dyrektor powinien go „po zakonu” czyli według prawa wziąć na „kazionnyj szczot” (na rachunek państwa). Ale wziąwszy pod uwagę, że jego syn Szołem jest Żydem, to mu zaofiarował pensję. Zdaje się, że sto dwadzieścia rubli na rok albo na pół roku.

Wywołało to gwałtowny szum i dziwne zamieszanie w mieście. Jeden dowiadywał się i wypytywał drugiego:

— Czy to prawda?

— A jak? Kłamstwo?

— Pensja?

— Pensja.

— Wyznaczona przez państwo?

— Nie przez państwo tylko przez Ministerstwo Oświaty.

Człowiek, który ma związek z Ministerstwem Oświaty. Przecież to nie żarty. Wieczorem zbiera się cała rodzina w komplecie. Chce obejrzeć jak z bliska wygląda „posiadacz pensji”. Ach! Kto nie widział wtedy ojca, jak promieniał jasnym, świetlistym blaskiem, ten nie widział w życiu bardziej szczęśliwego człowieka! Nawet machocha cieszyła się tego dnia. Wraz ze wszystkimi brała udział w tym radosnym święcie. Tego dnia aż dziw brał, że była tak dobra. Częstowała wszystkich herbatą z konfiturami. Tego dnia macocha zdobyła sobie w oczach Szołema sympatię i uznanie. Wybaczył jej wszystko. „Co było, to spłynęło”. Teraz on jest bohaterem. Wszyscy patrzą na niego. Wszyscy mówią o nim. Wszyscy się radują. Wszyscy uśmiechają się. Dzieci cioci Chany, które lubią z nim pożartować, zadają mu pytania: Co zamierza zrobić z taką kupą forsy? Tak jakby nie wiedziały, że z tej kupy forsy grosza nie ujrzy. Tak jakby nie wiedziały, że forsa przyda się ojcu w interesie, w piwnicznej winiarni „južnowo bieriega”.

Sza! Oto zjawia się również właściciel kolektury w czarnych okularach i głębokich kaloszach. Chce tylko rzucić okiem na tego urwisa (akcent na ur) i uszczypnąć szajgeca (akcent na szaj) w policzek. Wyrwać mu kawałek mięsa z policzka. Również zięciowie Lejzer-Josł i Magidow wpadli, aby złożyć gratulacje, powiedzieć „mazł-tow”. Posiedzieć trochę i pogadać o „haskali”, o świecie duchowym, o postępie i cywilizacji. Po nich przyszedł Arnold z Pidwórków i trochę zepsuł radość. Po pierwsze udowodnił Żydom, że osły z nich. Nie wiedzą co mówią. Pensja wcale nie jest pensją lecz stypendium. Co innego pensja i co innego stypendium. Po drugie, Szołem nie jest jedynym stypendystą. Jest jeszcze jeden taki uczeń w Ujezdnoj, który otrzymał stypendium na sumę stu dwudziestu rubli. Jest nim nowy kolega Szołema — nazwywa się Eli. O nim jednak potem.

